

# מסורה

מסורת אבותינו בידינו · זאת המסורה לא תהא מוחלפת

## אויסשמועס איבער אונזער מסורה בנוגע די פלאקערדיגע גזירת החינוך אין ניו יארק

• גליון א' | אדר ב' תשפ"ד לפ"ק •

## עדיטאָריעל

**ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!**

ברוב שבח והודאה להשי"ת איז אונז א כבוד און א זכות צו פרעזענטירן פאַר'ן ציבור, שלומי אמוני ישראל, די גייסטרייכע אויסגאַבע וואָס איר האַלט אַצינד אין דער האַנט, מיט אַ סעריע פון אינפאָרמאַטיווע ידיעות און באַלערנדע מאמרים, אַלס די ערשטע רינגעלע אין דעם קייט פון פעולות לטובה, דורך די נאָרוואָס פריש - געגרונדעטע אָרגאַניזאַציע "מסורה", וואָס טוט בעז"ה פאַרשפרעכן אַ נייע עפּאָכע על משמר מסורת אבותינו ורבותינו הק'.

אייגנטליך איז אַ נייע אָרגאַניזאַציע נישט קיין נאווינע אין די יעצטיגע טעג. מיר האַלטן מיט אַ וועלט וואו עס שפּראָצן אַרויס יעדן שני וחמישי אַלע ערליי גליונות, טעלעפאָן ליניעס און אָרגאַניזאַציעס, אַזוי אַז ס'פרעגט זיך נאַטירליך די פראַגע: 'תבן אתה מכניס לעפרים'?!

**'מסורה' איז אָבער עפּעס אַנדערש.** 'מסורה' ברענגט צום טיש אַ חידוש, וואָס וועט בעז"ה אנפולן אַ ליידיגן חלל, אויף וואָס דער ציבור לעכצט שוין גאָר אַ לאַנגע ווײַלע.

'מסורה' שטעלט מיט זיך פאר אַ געקליבענע קבוצה פון **בעלי בתים נכבדים**, וועלכע האָבן גענומען פאר אַ ציל צו ברענגען פאַר'ן ציבור די קלאָרע פאַקטן, די **איינפאַכע ידיעות און די אומצענזורירטע דאָקומענטן**, אַלעס אַנבאַלאַנגט די באַמיאונגען צו באַשיצן אונזער הייליגע **מסורת אבות**, אָט די ריינע ערליכע מסורה וואָס מיר האָבן מקובל פון אבותינו ורבותינו הק' מדור דור, בלי שום שינוי חלילה.

■ ■ ■

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז ווען עס האַנדלט זיך מיט אַזעלכע הייקעלע אינפאָרמאַציע ווערט דאָס איבערגעגאַנגען מיט פאַראַנטוואָרטליכע אישי הציבור וואָס טוען פאַרזיכערן אַז **יעדעס וואָרט איז קראַנט און פאַסיג** צו אַרויסגיין אויף דער גאַס, שלא יצא מכשול ח"ו מתחת ידינו.

שטייענדיג ביים אָנהויב פון דעם הייליגן שליחות טוט 'מסורה' פאַרשפרעכן **אַ פולקאָמע כבוד התורה ולומדיה.** צווישן די בלעטער און פעולות פון 'מסורה' וועט בעז"ה געשטעלט ווערן **אַ שטאַרקע געוויכט אַז ס'זאָל ח"ו קיינמאָל נישט אַרויסקומען קיין שום פגיעה אין דעם כבוד פון ת"ח, רבנים אָדער מורי הוראות בישראל.** מיר וועלן בעז"ה שטיין על המשמר נישט צו ווערן אַריינגעשלעפט אין בלאָטע, נאר פשוט ברענגען די טרוקענע פאַקטן און מציאות הדברים, ויראה הקהל וישפוט.

זאל טאַקע ביי דער געלעגנהייט דערמאַנט ווערן אַז רבנים, מורי הוראה, און אישי הציבור, וועלכע ווילן באַקומען מער קלאָרקייט אין סיי וועלכע חלק פון דאָס מציאות הדברים בעבר ובהוה, קענען זיך אַלעמאָל פאַרשטענדיגן מיט דער 'מסורה' אָרגאַניזאַציע, דורכן טעלעפאָן אדער אימעיל, וואו די עסקני המפעל זענען שטענדיג גרייט אַריבערצוקומען בכבוד הראוי, צו איבערשמועסן און אָנצייגן אויף די אַקטועלע פאַקטן און דאָקומענטן, ולהעמיד הדברים על מכונם אויף אַ קראַנטן און באַשיידענעם אופן בעז"ה.

ס'איז אונזער האָפענונג און תפלה צו השי"ת אַז די פעולות פון 'מסורה' זאל טאַקע ברענגען דעם תכלית הנרצה, דעם געוואונטשענעם מטרה פון "**צאי לך בעקבי הצאן**", צו וויסן און געדענקן דעם 'דרך נלך בה ואת המעשה אשר נעשה', אַז מיר זאָלן טאַקע זוכה זיין צו דער ברכה פון 'ונהי' כולנו אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה', אויפ'ן אויסגעטרעטענעם וועג המקובל לנו.

ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו.

מערכת 'מסורה'

# ניצוצות

# לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ!

דער נעים זמירות ישראל, דוד המלך ע״ה, אין זיינע הייליגע תהלים געזאַנגען, דאַנקט און לויבט השי״ת: ״**חֲבָלִים נָפְלוּ לִי בַּנְּעִמִים אַף נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי**״ - ס׳איז זיס און אַנגענעם דער גורל וואָס איז מיר צוגעפאַלן, און ס׳איז שיין פאר מיר די ירושה וואָס דו האסט מיר איבערגעגעבן.

ווי פאַסיג איז צו איבער׳חזר׳ן אָט די נצחיות׳דיגע געזאַנג פון שבח והודאה להשי״ת, ווען מען איז זיך אַביסל מתבונן אויף די ׳נחלת שפרה עלינו׳, די ליכטיגע מסורת אבות, די הייליגע דרך המסורה לנו, וואָס מיר האָבן זוכה געווען אַז דער צדיק הדורות ורעיא מהימנא קדישא, מרן **רבינו הק׳ מסאַטמאַר** זי״ע, האָט אונז מנחיל געווען לדורות, לחיותינו כהיום הזה ביז משיח׳ס טאָג.

**ראה הקדוש ברוך הוא שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא לח:).** וויפיל דאַרפן מיר דאַנקן און לויבן השי״ת אויף דעם אומבאַגרייפליכן חסד, אַז ווען אונזערע עלטערן און זיידעס זענען אָנגעקומען צו דעם ארץ לא זרועה, די אדמת טרשים פון ׳אַמעריקע׳, האָט דער רבוש״ע דאָ אַראָפּגעשיקט די גרויסע נשמה, וועלכער האָט ברוב קדושתו קובע געווען די יסודות חזקים פאַר׳ן חינוך הדורות, און האָט מיט זיין ריינע דעת תורה אַוועקגעשטעלט די גענויע גדרים און הוראות אין אַלע אַספעקטן, וויאַזוי צו אויפשטעלן ליכטיגע צבאות קודש, דורות נאמנים לה׳, וואָס זאָל זיין גרייט צו מקבל זיין משיח צדקינו באנפין נהירין.

## דער רבי שטעלט אויף דעם חינוך הדורות על אדמת אַמעריקע

ווען מען קוקט צוריק מיט אן אויפריכטיגע בליק איז עס באמת שלא כדרך הטבע וויאַזוי דער רבי, איינער אליינס מיט זיינע שוואַכע כוחות, האָט אין יענע בראשית יאָרן על אדמת אַמעריקע, זעלבסט זיך באַפּאַסט מיט יעדע קלייניגקייט, צו בויען, צו באַגלייטן און צו מדריך זיין יעדע דבר גדול וקטן, מיט זיינע הייליגע הוראות און הדרכות אויף לדורות, אַז עס זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן אַ כלל ישראל אויפ׳ן אַלטן דרך, אָן דאָס מינדסטע שינוי.

בנוסף צו זיין כח התורה והקדושה, אין וואָס מיר האָבן נישט דאָס מינדסטע השגה, איז דאָך דער רבי געווען דער חכימא דיהודאי, דער מנהיג הדור אשר רוח אלקים בו, וואָס דעריבער איז ביי אים קיינמאָל נישט געווען אַ זאַך וואָס זאָל ״דורכגיין״ אונטער׳ן טיש. דער צדיק הדורות האָט אויף יעדן פרט קטן דן געווען, שוקל געווען און מכריע געווען יסודות ברורים, וויאזוי דאָס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן עד ביאת הגואל.

והעולה על כולנה, ווען עס איז געקומען צו אויפשטעלן זיינע הייליגע מוסדות, וואָס דער רבי האָט געבויעט פאר אַלע דורות עד ביאת הגואל. אָנקומענדיג דאָ אין אַמעריקע, האָט דאָך דער רבי געדאַרפט אַלעס אָנהויבן פונדאָסניי; דער רבי האָט געדאַרפט גרינדן אַ ׳יש מאין׳ און **מיט זיינע הימלישע כוחות האָט ער געדאַרפט אַוועקשטעלן פרישע הכרעות צוליב דעם נייעם מציאות וואו מ׳האָט זיך געפינען דאָ.** וויפיל פון זיינע הייליגע טעג און נעכט, וויפיל בלוט און יגיעה עצומה האָט דער רבי מקריב געווען צו שוקל זיין אויף יעדע דבר גדול וקטן, כבקרת רועה עדרו למען עתיד הדורות.

צוםביישפיל דאָס גאַנצע ענין פון חינוך הבנות על אדמת אַמעריקע, אויף וואָס דער רבי שרייבט בספרו הק׳ ויואל משה **״עכשיו בדורינו ״אנכי הרואה״ בעינינו ושפלות דורינו כי צריכים לאותו דבר שיהי׳ איזה חינוך להבנות״**, א לשון וואס דער רבי האט קיינמאל נישט גענוצט בעפאָר און נאָכדעם, זייענדיג א חידוש וואס ער האט מכוין געווען בדעתו הגדולה והקדושה מיט׳ן איינציגן ציל און תכלית להקים בתים נאמנים בישראל על דרך ישראל סבא.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די אַלע אַנדערע ענינים פון דעם חינוך הדורות וואו דער רבי האָט אַראָפּגעשטעלט די יסודות איתנים, וויאַזוי מ'זאָל זיך אומגיין אין זיינע מוסדות הק', אַ שטייגער ווי דער סדר פון לימודי חול, וואָס דער רבי האָט פערזענליך באַגלייט און באַאויפטראַגט, במדה במשקל ובמשורה, מיט אַ הייליגן אחריות אַז די מוסדות הק' זאָלן קענען האָבן אַ געזעצליכן, לעגאַלן און קראַנטן קיום ווילאַנג אידן געפינען זיך אין דעם גלות אַמעריקע.

דער רב רבנן, דער קודש הקדשים און דער צדיק הדורות, וואָס האָט געשאָקלט די וועלט מיט זיין כח התורה והקדושה, האָט זיך באַפאַסט מיט די "פכים קטנים". וירד משה מן ההר אל העם מיט אַזאַ מורא'דיגע כובד ראש עד אין לשער. דער איש אלקים קדוש האָט אפילו מיטגעהאַלטן יעדע ריר פון די "גראַדיועישן" פאָרשטעלונגען אין די ענגליש דעפּאַרטמענט פון דער בית רחל, און האָט געפאָדערט צו וויסן פונקטליך יעדע סאָרט לימוד און יעדע סאָרט אקטיוועטעט וואָס מען האָט געטון צווישן די ווענט פון זיינע מוסדות הק', פאַרשטייענדיג בגודל קדושתו אַז די 'עיקרי תורה' זענען תלוי אין די אַלע פרטים.

## משה קבל תורה ומסורה לנו; די הייליגע הוראות בדעת תורתו הק' מייד ולדורות

ואת יהודה שלח לפניו להורות! דער רעיא מהימנא קדישא האָט נישט קובע געווען קיין "הוראת שעה" און נישט דורכגעלאָזט קיין בדיעבד'דיגע הנהגות. אַלעס וואָס איז געטון געוואָרן איז געווען חתום ונחתם בטבעתו של מלך, מאן מלכי רבנן. אַלעס וואָס איז געטון געוואָרן צווישן די ווענט פון זיינע מוסדות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, איז געווען אונטער זיין פולקאָמע אחריות און איז הונדערט פּראָצענט באַגלייט געוואָרן מיט זיין לויטערן בליק און הכרעה, כידוע וואס דער הייליגער שינאָווער רב בעל דברי יחזקאל זי"ע האָט מעיד געווען אויפ'ן רבי'ן נאָך אַלס קליין קינד אַז ער האָט אַ "שיינעם שיקול הדעת".

מערקווערדיג אַז אויך דעמאָלט, אינמיטן סאַמע ברען פון בויען אידישקייט אויף דעם ארץ לא זרועה, האָט דער רבי צומאָל געהאַט אויסצושטיין "קריטיק" פון געוויסע מתחכמים, וואָס מיט זייער קליינע השגה בעוצם קדושתו וחכמתו האָבן זיך געטרויעט צו האָבן "טענות" אויף געוויסע זאַכן וואָס דער רבי האָט איינגעפירט, איבערהויפּט ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אַנבאַלאַנגט די ענגליש דעפּאַרטמענט, אָדער ביי אַנדערע טעכנישע און רוחניות'דיגע ענינים, כידוע וויפיל דעם רבי'ן האָט דאָס ווי געטון עד דכדוכה של נפש, ווען יחידים האָבן מערער געווען קעגן זיינע הייליגע הוראות בנוגע די הנהגת המוסדות.

איבריג צו באַטאָנען ווי ווייט זיינע הייליגע אויגן האבן פאָראויסגעזען, ווען אָט די הדרכות און יסודות איתנים האָבן טאַקע באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, צו אויפשטעלן דורות נאמנים לה', צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער, וועלכע ציען ב"ה ווייטער דעם גאלדענעם קייט פון כלל ישראל מיט פראכט און שטאלץ.

## דער ציל פון 'מסורה'; זכרהו מאחר שבא להשכיחו!

לדאבון לב, שטייט דאָס יהדות החרדית אַצינד אין אַ שווערע תקופה, ווען עס בוזשעוועט בראש כל חוצות דער יצר פון **התחכמות**





# ניצוצות

קעגן די דרכי ראשונים כמלאכים, וואָס ווערט באַקליידעט מיט פאַרשידענע שלייערן און פאָרמען, צו פאַרגעסן פון די הייליגע מסורה און צו שפאַנען אויף נייע דרכים וואָס זענען נישט מיוסד אויף די יסודות אתינים וואָס רבינו הק׳ זי״ע האָט קובע געווען מיד ולדורות.

מיר לעבן מיט לעצטנס וויאַזוי די היימישע גאס איז צום באַדויערן באַפאַלן געוואָרן דורך אַ כוואַליע פון נייע סאָרט באַגריפן אָן קיין שום מסורת אבות, וועלכע ברענגט ביי געוויסע אומוויסנדע צו אַ מציאות פון ״**וַיִּהְיוּ מַלְעִבִים בְּמַלְאֲכֵי הָאֱלֹקִים ובוֹזִים דְּבָרָיו וּמִתַּעְתְּעִים בִּנְבִאָיו**״. עס האַלט שוין ליידער דאָרט אַז בשולי המחנה קען מען אפילו הערן פון אַזעלכע וואָס זענען בפירוש מזלזל אין אונזער הייליגע מסורה, און מאכן אוועק רוח קדשם ודעת תורתם פון רבותינו הק׳. ויקם דור חדש אשר לא ידע את יוסף.

אין אַזאַ צייט פון ערבובי׳ איז קענטיג אַז ס׳איז דאָ אַ געוואַלדיגע צמאון. דער יונגער דור לעכצט און קוקט אַרויס צו וויסן די דרכי הראשונים, אידן ווילן מקיים זיין דעם ״צאי לך בעקבי הצאן״ מיט אַן אמת, און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה וואָס האָט באַוואויגן די חשוב׳ע רבנים שליט״א, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט די שליחות הקודש, צו גרונדן דעם ׳מסורה׳ פאַראיין, וואָס זאָל זיך באַפאַסן **צו ברענגען די טרוקענע פאַקטן פאַר׳ן ציבור**, כדי דאָס זאָל דינען ווי אן אינפאָרמאַציע קוואַל פאַר׳ן ציבור, תלמידי חכמים און בעלי בתים, צו ריכטיג אָנהאַלטן די ריינע מסורה מאבותינו ורבותינו הק׳.

## ראה הננו נותנים לפניכם ברכה!

די ׳מסורה׳ אויסגאַבע וועט בעז״ה ערשיינען אויף אַ קביעות׳דיגן פאַרנעם, מיטצוטיילן די וויכטיגע ידיעות און אַקטועלע אינפאָרמאַציע, מיט דעם קלאָרן וויזיע און בליק פון אונזערע הייליגע עלטערן און רבי׳ס זי״ע, וואָס וועט בלי ספק זיין אַ קורת רוח פאר אלופי אלפי ישראל הנאמנים לדרכי אבות, וואָס וואַרטן שוין לאַנג אויף אַזאַ סאָרט ערשיינונג.

׳מסורה׳ איז באַזירט מיט׳ן ציל אַז מיר זאָלן זיך באַקענען מיט די ריינע **דעת תורה ודרכי מלחמה** פון די רועי ישראל, במשך אַלע גלות יאָרן; וויאַזוי זיי זענען געשטאנען על המשמר אפצוהיטן דעם כרם בית ישראל פון יעדע נייע פירצה קלה בחומת כרם בית ישראל, און וויאַזוי זיי האבן לוחם געווען און אונז געלערנט זיך צו היטן מזרם העולם.

די יעצטיגע ערשטע נומער פון אונזער/ אייער אויסגאַבע שטעלט פאר די צוויי אינפאָרמאַטיווע מאמרים, וועלכע לויפן

> **דער סדר פון לימודי חול, וואָס דער רבי האָט פערזענליך באַגלייט און באַאויפסטראַנט, במדה במשקל ובמשורה, מיט אַ הייליגן אחריות אַז די מוסדות הק׳ זאָלן קענען האָבן אַ געזעצליכן, לעגאַלן און קראַנטן קיום ווילאַנג אידן געפינען זיך אין דעם גלות אַמעריקע**

אייגנטליך פאַראַלעל, אונז צו געבן אַ פאַרלעסליכן בליק אויף די מאורעות השעה, בעבר ובהוה.

דער מאמר **׳מעט מן האמת׳** טוט אויפוויקלען אַ קראַנטע היסטאָרישע איבערזיכט אַרום דעם סדר פון ׳לימודי חול׳ אין די מוסדות החינוך אין די פאַראייניגטע שטאַטן. צווישן די פרקים פון דעם אַרטיקל ווערט געשילדערט די פרטים אַרום די עדיוקעישן געזעץ אין אַמעריקע; די הכרעה וויאַזוי רביה״ק זי״ע האָט בדעת קדשו אַראָפגעשטעלט דעם סיסטעם פון ׳לימודי חול׳ ווען ער האָט אויפגעשטעלט זיינע מוסדות; דער מהלך וויאַזוי דער רבי האָט פאַרשפראָכן די רעגירונג אַז זיינע מוסדות וועלן זיך צושטעלן צום געזעץ; וואָס און וויפיל ׳לימודי חול׳ האָט מען טאַקע געלערנט בחייו פון רביה״ק זי״ע באַזירט אויף עדות נאמנים פון תלמידי המוסדות אין יענע יארן; וויאַזוי האָט זיךווירקליך אַרויסגעשטעלט דעם רבי׳נס סייעתא דשמיא ביי די קאָרט קעיסעס קעגן אַנדערע מוסדות התורה, און נאָך פילע היסטאָרישע פאַקטן.

דער מאמר וועט באַזונדער אויסשמועסן דאָס מציאות הדברים אַרום די לעצטיגע גזירות על החינוך וואָס באַדראָעט די מוסדות התורה אין ניו יאָרק; אויף וועלכע פרטים ס׳איז דער פחד אַז די רעגירונג זאָל זיך חלילה נישט אַריינמישן, מיט אַן איבערבליק אַרום די לעגאַלע און טעכנישע קאַמף וואָס ווערט געפירט דורך די מוסדות הק׳ להעביר את רוע הגזירה.

דאַן וועט בעז״ה לויפן אויף אַ קביעות׳דיגן פּאַרנעם דער גייסטרייכער מאמר **״גזירה עבידא דבטלי״**, וואָס וועט אונז שענקן אַ נעגטערן בליק איבער די מסורה׳דיגע וועג פון שתדלנות און עסקנות במשך שנות גלותינו, צו ריכטיג אָפּלערנען די דרכי הפעולה והשתדלות וואָס גדולי ישראל און ערליכע שתדלנים האָבן געטון אין אַלע דורות, ווען די מלכות האָט ליידער גוזר געווען גזירות רעות אויף אידישע קינדער, און וויאַזוי מ׳האָט דורכאויס די היסטאָריע מבטל געווען די מזימות רשע פון די אומות העולם, על פי דרך התורה והמסורה.

▪▪▪

זאל באַטאָנט ווערן בפתח השער:

׳מסורה׳ זוכט נישט זיך אַהערצושטעלן אַלס אַ וואָרטזאָגער פאר ׳דעת תורה׳ אויף קיין שום פאַל, צוליב די פשוט׳ע סיבה וויבאַלד בחסדי ה׳ פאַרמאָגן מיר נאָך - אפילו אין אונזער חשכות׳דיגע דור פון עקבתא דמשיחא - די עיני העדה, **רבנים מובהקים ועמודי הוראה שליט״א**, וועלכע זענען נישט באַאיינפלוסט פון אַרומיגע חדשות, און וועלכע שטייען בראש פון די הייליגע פעולות והשתדלות למען חינוך דורותינו, להורות את הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון, אַזוי אַז **די גאַנצע טעמע איז איבערהויפּט נישט געאייגנט פאר קיין גליונות** צו מאַכן באַשלוסן און איינטיילן הוראות לרבים.

געוויס האָבן מיר זיך ב״ה נישט צו שעמען מיט די ערליכע שתדלני הציבור, די טייערע **מנהלי שלוחי וראשי המוסדות הק׳**, וועלכע זענען זיך מפקיר דמם ונפשם, גווים נתנו למכים ולחיים למורטים, פניהם לא הסתירו מכלימות ורוק, אַלעס כדי צו פאַרזיכערן דעם המשך פון דעם הייליגן חינוך הדורות על מי מנוחות און צו אָפּשלאָגן אומאויפהערליך די אַטאַקעס מבפנים ומבחוץ, קעגן דעם חינוך הטהור פון אונזערע תינוקות של בית רבן.

די אויפגאַבע פון ׳מסורה׳ איז אַלזאָ נישט געווידמעט פאר קיין ״בירורי הלכה״, עס צילט נישט צו מחדש זיין קיין שום נייע חידושים אין דעם ענין, ווייל **אונזער גרעסטער ״בירור״ און אונזער בעסטע ״לימוד הלכה למעשה״ איז בלויז די קלאָרע ריינע הדרכה פון אבותינו ורבותינו הק׳**, ביז צום לעצטן דור, ווען דער **אביר הרועים רבינו הק׳ זי״ע** האָט פאַר אונז אויסגעטרעטן דעם גלייכן וועג.

די וויזיע און דער ציל פון אונזער/אייער אויסגאַבע איז איינפאַך צו דינען ווי אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס זאָל **בלויז איבער׳חזר׳ן דאָס אַלטע**, און בלויז פרעזענטירן די אַקטועלע פאַקטן און פרטים, פאר אידן ישרי לב ומבקשי אמת, און טאַקע דייקא פאר מבקשי אמת, כדי צו פאַרזיכערן אַז מיר האלטן זיך צו דעם הייליגן דרך, וממנו לא נטה ימין ושמאל.

> ## אַלעס וואָס איז געטון געוואָרן צווישן די ווענט פון זייערע מוסדות, איז געווען אונטער זייער פולקאָמע אחריות

ולסיומן של דברים, איז כדאי צו מעתיק צו זיין דברים קילורין לעינים, געדרוקט אין ספה״ק חידושי תורה ס״ג שופטים תשי״ז לפ״ק, וואָס איז ממש אין אַ בחינה פון רוח הקודש הופיע בבית מדרשו, וזל״ק:

״שהעצה לידע זאת הוא אם יאמר דבר אשר לא ידעת אתה ואבותיך, **שאם יאמר דברים אשר לא כדרכי אבותינו כגון שיאמר שאבותיך לא ידעו עוד מזה**, ובזמנם לא שייך עוד שלא בא עדיין האות והמופת וכדו׳, **אז צריך אתה לברוח ממנו ולא תאבה לו ולא תשמע אליו, וזהו המבחן עליו אם משנה מדרכי אבותינו**״. עכל״ק המאירים לנו את הדרך.

אין די קורצע אָבער לעכטיגע ווערטער לערנט אונז דער רבי אַ לימוד אויף לדורות, וויאַזוי צו וויסן אַ קלאָרן סימן אויף אַ מסית ומדיח, אויב דער יעניגער הייבט אן זאָגן אַז ״דיינע עלטערן האָבן נישט געוואוסט דערפון״, אָדער ״אין זייערע צייטן איז עס נאָכנישט געווען אַקטועל״, דאָס - זאָגט דער רבי - איז דער גרעסטער מבחן! לא תאבה לו ולא תשמע אליו!

אָט דאָס איז אין קורצן די גאַנצע וויזיע פון ׳מסורה׳: צו אָפּלערנען דעם אמת׳ער מהלך פון אונזערע הייליגע רועי ישראל במשך שנות גלותינו. וויאַזוי די פריערדיגע צדיקים - וועלכע האָבן געפירט דעם כלל ישראל מיט מסירת נפש אויף יעדן קוצו של יו״ד - האָבן געהאַנדלט ווען מען האָט געדאַרפט אויפשטעלן קהלות און מוסדות התורה אין די גלות לעדנער, און וויאַזוי זיי האָבן געהאַנדלט ווען מ׳האָט געדאַרפט אָפּשלאָגן גזירות למען חיזוק הדת, **כי ממנו נקח לעבוד את ה׳!**

מיר האָפן און מיר קוקן אַרויס אַז ׳חפץ ה׳ בידינו יצליח׳, לברר מקחו של צדיק, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו דעם ומלאה הארץ דעה את ה׳ בביאת משיח צדקינו בב״א.




# מעט מן האמת

מציאות אחת דוחה מאה הוכחות

**מאמר א'**

# ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישן געזעץ; וואָס איז דאָס?!

**אַ גרינטליכע איבערזיכט ארום דאָס ניו יאָרקער עדיוקעישן געזעץ, איר היסטאָריע, אירע דעטאַלן, און וויאזוי דאָס געזעץ איז אינפאָרסירט געוואָרן דורכאויס די יאָרן**

## פּאָרוואָרט

אין די לעצטע תקופה איז דאָס יהדות החרדית אין ניו יאָרק דערציטערט און פאַרזאָרגט, ווען מען האַלט כסדר מיט די פרישע אַנטוויקלונגען וואָס שפילט זיך אָפּ אויפ'ן פראָנט, אינערהאַלב דעם קריטישן און הערןאָאישן קאַמף למען נפש דורותינו, ולהפר עצת ערומים.

ס'איז שוין אַ לענגערע ווײַלע וואָס דער ציבור פאָלגט נאָך מיט אַ טרייסל, וויאַזוי אונזערע הייליגע מוסדות התורה ווערן ליידער באַדראָעט דורך פינסטערע מסירות ומלשינות פון אָפטריניגע עלעמענטן, און וויאַזוי עס הערשט אַ ביטערע געפאַר אַז די רעגירונג זאָל זיך חלילה אַריינמישן אין דעם חינוך פון אונזערע תינוקות של בית רבן, היל"ת. ובכל זאת אנו לי-ה ועינינו לי-ה, שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים!

■ ■ ■

דורכאויס די צייט האָט דאָס ניו יאָרקער אידנטום געהערט און זיך באַקענט מיט פרישע טערמינען און טעמעס וואָס אַנבאַלאַנגט דעם הייליגן קאַמף. מען הערט אַסאַך רעדן איבער דעם עדיוקעישן געזעץ אין דער סטעיט אָוו ניו יאָרק; איבער די פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג אַז די מוסדות זאלן זיין 'סאבסטענשעל עקוויוועלענט'; איבער די 'גיידליינס' פון דער רעגירונג; און איבער די געריכטליכע אָפטייטשן און אָנקלאַגעס וואָס זענען נוגע צו דער מערכה למען חינוך הטהור.

ווי ס'איז אַלעמאָל דער כלל, ביי יעדע מלחמה, אַז די גרעסטע כוחות ווערט פאַרלייגט דורך לענדער און אַרמייען, צו גוט אָפלערנען און אָפשאַצן די סיטואַציע. די ערשטע און וויכטיגסטע שליסל צו געווינען אַ שלאַכט איז דורך פאַרמאָגן די ריכטיגע אינטעליגענץ און שפּיאָנאַזש אינפאָרמאַציע, וואָס דאַדורך קען מען גרינטליך אָפלערנען דעם צד שכנגד, צו פאַרשטיין 'על מה המערכה נטושה', אויף וואָס פאָקוסירט דער קאַמף און וואו דאַרף מען פארלייגן די כוחות.

נישט אַנדערש איז ווען דאָס יהדות החרדית איז פאַרוויקלט אין אַ מלחמת קודש פאר די חינוך פון אונזערע לעכטיגע קינדערלעך בליעה"ר, איז דאך זיכער אַז ס'איז קריטיש וויכטיג צו פאַרשטיין 'במה הדברים אמורים', איבערהויפט אַז פאַר מערסטנס מענטשן זענען די אַלע נושאים אַרום דעם עדיוקעישן געזעץ ווילד פרעמד, און ס'איז דעריבער זייער וויכטיג צו פאַרשטיין און זיך באַקענען מיט די דעטאַלן פון דעם געזעץ און אירע פרטים, ווי עס פאַרשטייט יעדער בר דעת אַז אויב מען האָט נישט די ריכטיגע אינפאָרמאַציע, דאַן לייגט מען די גאַנצע מלחמה אין אַ געפאַר חלילה, ווייל עס פעלט די פשוט'ע ידיעה און הבנה לגבי די נושא.

אָט דערפאַר, לאָמיר פרובירן בעז"ה אין די קומענדיגע סעריע צו אַדרעסירן די טרוקענע פאַקטן אַרום דעם 'ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישן געזעץ', די באַגריף פון 'סאבסטענשעל עקוויוועלענט', וויאַזוי די רעגירונג טוט אינפאָרסירן דאָס געזעץ, ועל כולנה: וויפיל און פאַרוואָס האָט רבינו הק' מסאַטמאַר זי"ע זיך פאַרפליכטעט צו לערנען אין די ראַמען פון 'לימודי חול', ווען ער האָט געגרינדעט זיינע מוסדות הק' אין די בראשית יאָרן על אדמת אַמעריקע, וואָס האָט זיך געטוישט אין דעם געזעץ זינט דאַן עד היום הזה, און וואס איז די באַדייט פון די פרישע גיידליינס וואָס די רעגירונג האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן.

■ ■ ■

כדי צו פאַרזיכערן אַז די טערמינען זאלן זיין פאַרשטענדליך פאר אַלעמען, אויך פאר מענטשן וועלכע האָבן קיינמאָל נישט עוסק געווען אין די געזעצליכע ענינים, איז אַלזאָ ראַטזאַם צו אָנהויבן פון אל"ף, פון דעם התחלה פון דאס געזעץ, און אַזוי גיין טריט נאָך טריט, מקל אל הכבד, ביז צו דעם היינטיגן מציאות הדברים.

אינעם היינטיגן מאמר וועלן מיר בעז"ה אדורכגיין די פאָלגנדע טעמעס:

**פרק א:** די היסטאריע און די דעטאַלן ארום דאָס געזעץ

**פרק ב:** די דריי פליגלען אינערהאַלב דער אַמעריקאַנער רעגירונג סיסטעם

**פרק ג:** וואָס פאַרלאַנגט דאָס געזעץ?!

**פרק ד:** דאָס באַדייט פון 'סאבסטענשעל עקוויוועלענט'

**פרק ה:** טוט דאס געזעץ פאַרפליכטן צו לערנען לימודים קעגן רעליגיע?

**פרק ו:** די רעגירונג אינפאָרסירונג און זייערע 'גיידליינס'

**פרק ז:** לסיומא דמילתא; עת צרה הוא ליעקב

אין די נאָכפאָלגענדע אַרטיקלען אין דער סעריע וועט בעז"ה אויסגעשמועסט ווערן דער מהלך וויאַזוי די גדולי ישראל נאָכ'ן קריג, ובראשם רבינו הק' זי"ע, האָבן מיט אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא אַוועקגעשטעלט די מוסדות הק', און איבערהויפט דער מהלך פון לערנען לימודי חול אין די חדרים. אַזוי אויך וועט אויסגעשמועסט ווערן די פרטים וואָס האָט אַצינד פאַסירט, מיט די פרישע אינטריגעס דורך דער רעגירונג אין די לעצטע יאָרן, זיך אַריינצומישן חלילה אין דעם חינוך פון אונזערע דורות היל"ת.

# האט איר זיך שוין אַמאָל געוואונדערט:

וואס פונקטליך איז די ׳עדיוקעישן געזעץ׳ אין ניו יאָרק סטעיט?

וואס איז די באַדייט פון ׳סאבסטענשעל עקוויוועלענט׳?

טוט ׳סאבסטענשעל עקוויוועלענט׳ פאַרלאַנגען צו לערנען אַלע שטודיעס פון אַ פּאָבליק סקול?

וועלכע פרטים האָבן זיך געטוישט אין דעם געזעץ פון דעמאָלט ביז היינט?!

וואס איז דער ציל פון די רעגירונג און זייערע גיידליינס?

ווער מאכט דאס געזעץ און ווער מאכט די גיידליינס?

קענען די גיידליינס צולייגען מער חיובים ווי די עצם געזעץ?

ווען האט מען אנגעהויבן צו לערנען כפירה און תועבה אין די פאבליק סקולס?

האט נאך קיינער ביז׳ן היינטיגן טאָג נישט געקלאָגט די רעגירונג אין ׳סופרים קאָרט׳ אַז זיי צווינגען אונז צו לערנען תועבה און כפירה רח״ל?!

וויפיל ׳סאבדזשעקס׳ האָט רביה״ק זי״ע זיך מתחייב געווען צו לערנען בשעת ער האָט מייסד געווען זיינע מוסדות הק׳ על אדמת אַמעריקע און וויפיל האט מען געלערנט?

ווער האט געווינען די קארט קעיסעס ווען די רעגירונג האט געקלאגט געוויסע עלטערן וואס האלטן נישט דאס געזעץ?

וואס באַדייט די יעצטיגע פרישע רעגולאציעס און גיידליינס?

**אויב איז אייך שווער געווען איינע פון די אלע שאלות דאן איז די פאָלגנדע סעריע פון אַרטיקלען געאייגנט פאַר אייך, בעז״ה.**

# פרק א: די היסטאריע און די דעטאַלן ארום דאָס געזעץ

## די עדיוקעישן געזעץ ווערט באַשטימט

מיט 130 יאָר צוריק, אין יאָר תרנ״ד (למס׳ 1894), האָבן די ניו יאָרקער געזעץ געבער אין אָלבאַני געשטימט און אַראָפּגעשטעלט דעם ׳ניו יאָרק עדיוקעישן געזעץ׳, וואָס האָט איינגעפירט די Compulsory Education אין דער גאַנצער סטעיט.

׳קאמפולסארי עדיוקעישאן׳ באַדייט אַז די רעגירונג טוט פאַרלאַנגען אַז יעדעס קינד מוז גיין אין סקול און דארט באַקומען אן אַלגעמיינע ערציאונג. דאָס געזעץ באַשטימט אַז די עלטערן זענען פאַרפליכטעט צו אויספאָלגן דעם געזעץ, און עס טוט אויך מחייב זיין די סטעיט צו פאַרזיכערן אַז יעדעס קינד באַקומט די אַלגעמיינע ערציאונג.

זעהט דאקומענט #1

## וואס איז געווען ביז דאַן?

אין די יאָרן בעפאָר דאָס געזעץ איז צושטאַנד געקומען האָט דער המון עם איבער דער גאַנצער וועלט געלעבט אַ פרימיטיווע לעבן. מערסטנס גוים זענען געווען אומוויסנדע אנאלפאבעטן וואָס האבן בכלל נישט געקענט שרייבן אָדער רעכענען, און אודאי האט מען זיך נישט אָפּגעגעבן דאס אויסצולערנען פאַר קינדער.

ביז דעמאָלט האָבן בלויז רייכע פאַמיליעס זיך ערלויבט צו געבן אַ בילדונג פאר זייערע קינדער. ווי עס ווערט ברייט געשילדערט אין ספר ׳זכרון יעקב׳ פון דעם באַקאַנטן שתדלן ר׳ יעקב ליפשיץ, דאָס אומוויסנהייט פון די פויערן און די מאַסן אין די אַלטע צייטן, אַזש אַז אין יעדע שטאט איז געווען איינער וואָס האָט געקענט ליינען און שרייבן און ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו אין שטאָט האָט דער ׳געלערנטער׳ פאַרשוין דאָס פאָרגעליינט פאר די איינוואוינער...

זעהט דאקומענט #2



#1 דאקומענט

1682 LAWS OF NEW YORK. [Chap. 671.

Chap. 670.

AN ACT to authorize the common council of the city of Buffalo to transfer Front avenue to the board of park commissioners as a park approach.

Became a law May 11, 1894, with the approval of the Governor. Passed, three-fifths being present.

*The People of the State of New York, represented in Senate and Assembly, do enact as follows:*

Transfer of avenue as a park approach. Section 1. The common council of the city of Buffalo may, by resolution, transfer Front avenue in said city between Massachusetts street and the terrace to the board of park commissioners of said city as a park approach, and upon the adoption of such a resolution by a majority vote in each board of the common council and the approval thereof by the mayor, said Front avenue shall be and become one of the approaches to the parks of said city and all of the provisions of the charter of said city applicable to park approaches shall be deemed to apply thereto the same in all respects as if said avenue were designated a park approach in and by the charter of said city. (Provisions of charter applicable.)

§ 2. This act shall take effect immediately.

Chap. 671.

AN ACT to provide for the compulsory education of children.

Became a law May 12, 1894, with the approval of the Governor, Passed, three-fifths being present.

*The People of the State of New York, represented in Senate and Assembly, do enact as follows:*

Section 1. Short title.— This chapter shall be known as the compulsory education law.

§ 2. Definitions.— When used in this act, the term school authorities means the trustees or board of education or corresponding officers, whether one or more and by whatever name known, of a city, union free school district, common school district, or school district created by special law; the term persons in parental relation to a child, includes the parents, guardians or other persons, whether one or more, lawfully having the care, custody or control of such child. A child under sixteen years of age required by the persons in parental relation to such a child,

דער קעפל פונעם 1894 ׳קאמפולסארי עדיוקעישאן׳ געזעץ.



#2 דאקומענט

עד כמה מן הזרות שבדבריו׳ וגם המה ממש נגד החוש והמציאות׳ באמרו במכתבו: ״לבד ישנו עם אחד בארץ׳ שלא השגיח כראוי על ״תורת האדם״ כו׳ כו״ — כאלו היו אז כל עמי הארץ כולם חכמים ומלומדים׳ ורק עם.בנ״י הנם בתחתית המדרגה נגדם בתורת האדם; בשעה שגם בארץ צרפת הנאורה׳ וגם אחרי מאה שנה׳ בשנת תר״ל — 1870 — נמצאו בין השבוים הצרפתים הרבה אופיצירים שלא ידעו קרוא וכתוב׳ ולא יכלו לחתום שמותיהם בכתב ״הערובה״ שלא יברחו׳ ובתי ספר־חיוביים נתיסדו — אפילו בצרפת — רק בערך שנת תר״לה — 1875 — ובהרבה ארצות באירופא׳ גם עתה עדיין אין שמה חובת הלמוד הכללית׳ בה בשעה שאצל בני ישראל נוסד חוק בתי ספר־חיוביים עוד לפני אלפים שנה׳ מתקנת הכהן הגדול יהושע בן גמלא׳ ונמצא סעיף מפורש בשו״ע יו״ד סי׳ רמ״ה׳ ״עיר שאין בה תשב״ר׳ מחרימין אותה״ וכנראה שכן התנהגו בנ״י עוד לפני הכהן הגדול הזה ג״כ׳ ורק הוא שם את הדבר הזה לחוק חיובי — וכפי שהרגישו זאת חכמי העמים ג״כ׳ וכמו שהעיר והדגיש את זאת גם הסינאד הרוסי׳ באחד ממחברותיו ע״ד החנוך עוד לפני שלשים שנה׳ וז״ל: עלינו ללמוד דרך החינוך מהיהודים׳ ״כי הלא מצאנו ״ראינו׳ כי עוד בימי השופטים היו כל בני ישראל׳ יודעי כתב ולשון׳ כמו ״שכתוב בס׳ שופטים (ק״פ ח׳ פ׳ י״ג) ״וילכוד נער מאנשי סוכות וישאלהו ״ויכתוב אליו את שרי סוכות ואת זקניה״ וגו׳ הנער הזה הזדמן לגדעון רק ״במקרה׳ וידע קרוא וכתוב׳ אות נאמן הוא שבנ״י מעולם׳ חונכו בחנוך היותר ״נעלה כו״׳ — ובמחברתי ״דור ודורשיו״ אשר אתי בכתובים׳ הנני מביא ילקוט קצר ממאמרי רש״י על התורה׳ שיסודתם מאמרי חז״ל׳ שאין לך ספר המדות נעלה מזה: ואת כל אלה קולטים נערי בנ״י במוחם׳ בראשית למודם חומש

22 זכרון יעקב

ופירש״י — ומי מדבר עוד מהלומדים את כל כתבי הקודש והתלמוד ומפרשיו׳ והיתכן לחרוץ על עם כזה משפט נורא׳ שהמה חסרי ״תורת האדם״ נעדרי מוסר ומדות? וכבר כתבתי במאמרי ״דור וסופריו״ במאסף ״הכרם״ תרמ״ח׳ אשר לפי המשפט הזה יוצא לנו׳ שהעמים ההם אוהבי חכמה כ״כ ומקנאים קנאתה׳ עד שבגלל זאת מעכבים את זכיותינו׳ והיוצא מזה׳ כי אוהבי חכמה היותר נעלים: הם עמי הרומנים׳ הסלבים והמאלדעוואַנים המגושמים׳ שבגלל קנאת החכמה שהם מקנאים׳ הטילו והטביעו הרבה יהודים במצולות ״הדונאי״ בשנות השבעים בעיר גאַלאַץ — כפי המסופר במ״ע אז׳ —

ספר זכרון יעקב שילדערט דאס אומוויסנהייט פון די גוי׳אישע מאַסן

## בין ישראל לעמים

פאַרשטענדליך אַז דאָס אַלעס איז נישט געווען גילטיג ביי להבדיל אידישע קינדער, דער ״עם הספר״, וועלכע האָבן שוין פון פריעסטן יוגנט מחנך געווען זייערע דורות צו לערנען די הייליגע תורה און ליינען און שרייבן, וואָס אידן האָבן אויסגענוצט פאר תורה און עבודת ה׳.

דוקא אין די טונקעלע עפּאָכע ווען די גאַנצע וועלט איז געווען איינגעטונקען אין טפשות האָט אָבער אַרויסגעשיינט די הייליגע אידישע חכמה פון דעם עם חכם ונבון. אפילו דער פשוט׳ער איד איז אויפגעוואַקסן אין דער חדר וואו ער האָט געלערנט וויאַזוי צו לערנען חומש רש״י מיט גמרא תוספות, וויאַזוי צו רעכענען און וויאַזוי צו שרייבן, באַגלייט מיט אַלע ידיעות וואָס באַגלייט אונזער

הייליגער תורה.

כמובן איז דער אידישער חינוך פאר תשב"ר געווען אויסגעשעטלט נאר פאר תורה ומצות ומדות ישרות. לימודי חול, און אפילו שפת המדינה, האט מען אודאי בכלל נישט געלערנט און נישט צוגערירט דערצו. ווען מען איז עלטער געוואָרן און מ'האָט דאָס געדאַרפט האָבן פאַר די פרנסה האָט מען זיך צוגעלערנט לויט וויפיל ס'האָט זיך אויסגעפעלט.

## די דראַסטישע טויש וואָס איז אַנטשטאַנען אין געביט פון עדיוקאציע

דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז אין די תקופה פון אומגעפער די 1700- יאָרן למספרם, ווען איבער דער גאַנצער וועלט איז געוואָרן אַן אויפוואַכונג צו בילדן די קינדער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין פראַנקרייך, וואו נאַפּאָליען האָט אַריינגעברענגט דעם געדאַנק ביים המון עם אַז יעדער זאָל באַקומען אַן ערציאונג, פון דאָרט האָט דאָס געשלאָגן וואָרצלען און זיך אויסגעשפרייט איבער דער גאָרער וועלט.

דעמאָלט איז אויך געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון 'קאמפּולסארי עדיוקעישאַן', וואס באַדייט אַז די רעגירונג פאַרלאַנגט אַז יעדע קינד מוז גיין אין סקול און באַקומען אַ מינימאַלע ערציאונג. אַ רעיון וואָס איז טאַקע צוביסלעך איינגעפירט געוואָרן איבער דער וועלט.

אין די יאָרן צווישן שנת תרי"ב-1852 למספרם און שנת תרע"ח-1918 למספרם, האָבן די שטאַטן אין אַמעריקע אָנגעהויבן צו אַקצעפּטירן דעם 'קאמפּולסארי עדיוקעישאַן' געזעץ, אַז יעדעס קינד מוז גיין אין סקול.

היינט צוטאָגס האָבן אַלע סטעיטס שוין איינגעפירט דעם געזעץ, אָבער ס'איז נישט אייניג אין יעדע סטעיט וויפיל מען איז מחויב צו לערנען. יעדע סטעיט האט זיך אייגענע רעגולאַציעס וואָס די קינדער דאַרפן לערנען. ס'איז דאָ סטעיטס וועלכע פאַרלאַנגען מער און אַנדערע פאַרלאַנגען ווינציגער. ס'איז איינער מער איינער ווייניגער, ס'איז דא אפילו געציילטע סטעיטס וואס די רעגירונג טיילט דאָרט בכלל נישט איין וואס מ'זאל לערנען, נאר זיי פאַרלאַנגען בלויז אַז מ'זאָל גיין אין סקול.

זעהט דאקומענט #3

ווי ערווענט, איז אין ניו יאָרק סטעיט באַשטימט געוואָרן דאָס געזעץ אין יאָר תרנ"ד ולמספרם May 18 1894. זינט דעמאָלט איז באַשטימט געוואָרן אַז די סטעיט פאַרלאַנגט אַ 'קאמפּולסארי עדיוקעישאַן', אַז יעדעס קינד מוז גיין אין סקול, מיט געוויסע לימודים וואָס יעדעס קינד מוז באַקומען. במשך די יאָרן איז דאָס געזעץ אויסגעברייטערט געוואָרן מיט נאָך פרישע לימודים און רעגולאַציעס, ווי שפּעטער ערקלערט. במציאות האָט די סטעיט און ניו יאָרק אַלעמאָל געהאַט איינס פון די שטרענגסטע רעגולאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן ווען ס'איז געקומען צו די עדיוקעישן לימודים.

**דאקומענט #3**


education/education-options/compulsory-education-laws-background.html

The concept of compulsory school attendance gradually spread across the world. It was primarily based on the systems set up by Prussia in 1763. The idea emerged alongside the growing belief in the importance of an educated citizenry. At first, education was a privilege for the wealthy. With the advent of the Industrial Revolution, the need for a literate and educated workforce became clear.

This shift led to the formation of the first school systems and boards of education. States like New York pioneered in establishing public education systems. They set a precedent for other states to follow. The goal was to provide an educational program accessible to all, regardless of social standing.

Early Compulsory Education Laws in the U.S.

In America, compulsory education started in the 19th century. Massachusetts became the first U.S. state to enact a compulsory education law in 1852. It had already passed a similar law in 1647 when it was still a British colony. The 1852 law required every city and town to offer primary school focusing on grammar and basic arithmetic. Parents who refused to send their children to school faced fines. In some cases, authorities stripped them of their parental rights. Their children became apprentices to others. This move set a model for other states, establishing nationwide school districts and state boards of education.

Before the Massachusetts law, private schools run by churches typically provided education. Since they also charged tuition, they excluded poorer children who often received informal homeschooling. That would change during the immigration boom in the 19th and 20th centuries. People believed education was the best way to assimilate immigrant children.

During that time, many states enacted compulsory education laws. These laws worked to take education out of the hands of parochial schools. They turned schools primarily into the purview of the state. These actions came about in a growing response to the fear of "immigrant" values and the Catholic Church. The Supreme Court later overturned these laws. They did so because they required students to attend only public schools.

Another motivation was the growing public concern over child labor and the belief that compulsory school attendance would discourage factory owners from exploiting children. Alabama temporarily repealed its compulsory education law. This was in response to pressure from a large textile company in the state. Mississippi was the last state to pass a law requiring school attendance in 1917. Still, enforcement of these laws was largely ineffective. Eventually, states began to realize the value of an educated workforce.

**די שטאטן פון אמעריקע באשטעטיגן דעם 'קאמפּולסארי עדיוקעישאן' געזעץ אין די יארן צווישן תרי"ב-1852 למספרם און שנת תרע"ח-1918 למספרם**

# פרק ב: די דריי פליגלען אינערהאַלב דער אַמעריקאַנער רעגירונג סיסטעם

ווען מען רעדט איבער אַ געזעץ וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין ניו יאָרק, איז צום אַלעם ערשט וויכטיג צו פאַרשטיין דער סיסטעם וויאַזוי די אַמעריקאַנער רעגירונג ווערט געפירט, וואָס דאָס גיט אַ קלאָרקייט וויאַזוי געזעצן ווערן געמאַכט און אינפאָרסירט און ווער קען מחליט זיין ווען ס'מאַכט זיך אַ פראַגע אויף אַ געזעץ.

## די פעדעראַלע רעגירונג און די סטעיט רעגירונג

צום אַלעם ערשט איז די פאַראייניגטע שטאַטן צעטיילט צווישן די פעדעראַלע רעגירונג און די לאָקאַלע סטעיט רעגירונגען. די פעדעראַלע גאָווערמענט אין וואַשינגטאָן באַפאַסט זיך מיט אַלע פעדעראַלע אָנגעלעגנהייטן, און די לאָקאַלע סטעיט גאָווערמענטס זענען באַפולמעכטיגט צו באַהאַנדלען די געזעצן און געברויכן פון די סטעיט ווירטשאַפט.

## די דריי פליגלען פון גאָווערמענט

טאָ די ביידע רעגירונגען, סיי די סטעיט גאָווערמענט און סיי די פעדעראַלע גאָווערמענט, ווערט געפירט דורך דריי באַזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס זענען צעטיילט מיט זייער מאַכט און מיט זייער מעגליכקייטן צו באַשטימען לעגיסלאַציעס.

## דאָס לעגיסלאַטיווער פליגל

צום אַלעם ערשטן ווערט אַמעריקע געפירט דורך דאָס לעגיסלאַטיווער פליגל, וואָס איז צאַמגעשטעלט פון צוויי הייזער. אין דער פעדעראַלע רעגירונג ווערט דאָס אָנגערופן: די 'קאָנגרעס' און די 'סענאַט' און אין דער סטעיט רעגירונג הייסט דאָס: די 'אַסעמבלי' און די 'סטעיט סענאַט'.

די ביידע לעגיסלאַטיווע הייזער האָבן די אויפגאַבע צו באַשטימען און דורכפירן געזעצן. דאָס ווערט באַשטעטיגט דורך אַ רוב פון סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט. די סטעיט הייזער באַשטימט געזעצן אויף אַ סטעיט שטאַפּל, און די פעדעראַלע רעגירונג באַשטימט די געזעצן אויפ'ן פעדעראַלן שטאַפּל.

## דאָס עקזעקיוטיווער פליגל

די צווייטע אפּצווייג וואָס רעגירט אין די פאַראייניגטע שטאַטן איז דער עקזעקיוטיוו דעפּאַרטמענט, וואָס אין דער פעדעראַלער רעגירונג איז דאָס דער פּרעזידענט פון לאַנד, און אין די סטעיט איז דאָס דער גאָווערנאָר פון דער שטאַט.

אַלע אַגענטורן און דעפּאַרטמענטס וואָס פונקציאָנירן אין דער גאָווערמענט, אַרבעטן פאַר דעם עקזעקיוטיווער פליגל. צום ביישפּיל: די עדיוקעיש'ן דעפּאַרטמענט, די פּאָליציי דעפּאַרטמענט, די סעיפטי דעפּאַרטמענט, די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט. א.א.וו.

די אויפגאַבע פון די אַלע אַגענטורן איז צו אינפאָרסירן דאָס געזעץ. פאַרשטענדליך אַז די רעגירונג מיט אירע אַגענטורן קענען גאָרנישט צולייגן אָדער טויש פון סיי וועלכע געזעץ. זייער פליכט איז בלויז צו

מאַכן די רעגולאַציעס און 'גיידליינס', וואָס טוט פאַרזיכערן אַז דאָס געזעץ ווערט ריכטיג אויסגעפירט און אַז אַלע בירגער פאָלגן דאָס אויס.

לעצטנס הערט מען אויך אַסאַך פון די 'באָורד אָוו רידזשענטס'. דאָס איז אַ קערפערשאַפט וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורך די סטעיט, צו האָבן אַן איבערזיכט אויף אַלע עדיוקעישן ענינים און לימודים. די באָורד איז אויך באַאויפטראַגט צו אויפנעמען דעם 'קאמישענער אָוו עדיוקעישן' וועלכער האָט דעם פליכט צו פאַרזיכערן אַז אַלע עדיוקעישן רעגולאַציעס ווערן אויסגעפירט. די באָורד מיט'ן קאמישענער זענען אויך אונטער דעם עקזעקיוטיוון פליגל און דעריבער קענען זיי נישט באַשטימען קיין געזעצן, נאר זיי קענען בסך הכל פאַרזיכערן אַז דאָס עקזיסטירנדע געזעץ ווערט ריכטיג אויסגעפאָלגט.

## דאס געריכטליכער פליגל

דאס דריטע פליגל אינערהאַלב די גאָווערמענט איז די געריכטליכע אָפטיילונג. סיי די סטעיט רעגירונג און סיי די פעדעראַלע רעגירונג פאַרמאָגן אַ געריכט סיסטעם, וואָס אויסער די געווענליכע פונקציעס דערפון, צו באַהאַנדלן אָנקלאַגעס בין אדם לחבירו און אָנקלאָגן פאַרברעכער, האָט דאָס געריכט אויך אַן אַקטיווע השפעה אַלס אַ פאַקטישע טייל פון דער גאָווערמענט.

דאָס געריכט האָט די מאַכט צו דן זיין און באַשליסן אויף סיי וועלכע געזעץ פון דעם לעגיסלאַטיווער פליגל, און אַזוי אויך אויף סיי וועלכע 'גיידליינס' פון דער עקזעקיטיווער פליגל, צי דאָס איז געזעץ אויסגעהאַלטן לויט די קאָנסטיטוציע, און זיי קענען אַרויסגעבן אַ באַשלוס אַז אַ געזעץ איז נישט לעגאַל ערלויבט, וואָס דעמאָלט וועט דאָס געזעץ טאַקע פאַרלירן איר ווערד.

דאָס געריכט האָט עטליכע שטאַפלן. צוערשט קען מען אַרויפברענגען די קעיס צו אַ נידריגע געריכט און אויב מען איז נישט צופרידן פונעם אורטייל, קען מען גיין העכער ביז צום סופרים קאָרט.

דאָס איז ווייטער צעטיילט צווישן 'סטעיט' און 'פעדעראַל'. די סטעיט געריכטן און סופרים געריכטן קענען באַשטימען אויף די סטעיט אַנגעלעגנהייטן און די פעדעראַלע געריכטן און סופרים געריכט קען באַשטימען אויף די פעדעראַלע טעמעס.

## די פעדעראַלע רעגירונג איז מאַכטלאָז קעגן די סטעיט רעגירונגען

צום באַטאָנען: ביי די גרינדונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן האָט די גרונדער פון דאָס לאַנד געגעבן זייער שטאַרקע רעכטן פאר די סטעיטס, אַז יעדע סטעיט זאל זיך קענען אַליין פירן זייער אייגענע ווירטשאַפט. ס'איז דירעקט אויסגעשטעלט געוואָרן דער סיסטעם אַז די פעדעראַלע רעגירונג קען בהחלט נישט אַריינרעדן, דורך דעם עקזעקיוטיוו מהלך, אין די סטעיט אַנגעלעגנהייטן.

## די פעדעראַלע געריכט האָט יאָ אַ וואָרט איבער די סטעיט

ס'איז אָבער פאַרבליבן די געריכטליכע וועג, וואָס האָט יאָ אַ כח אויף די סטעיטס. דאס הייסט אז די פעדעראַלע געריכט קען אַריינרעדן אין אַ סטעיט באַשלוס צי ס'איז לעגאַל אויסגעהאלטן צו מאכן אזא געזעץ.

אַזאַ געריכט קען נאר פאָרקומען אויב ס'ווערט אַ פראַגע צי די סטעיט געזעץ איז גענוג אויסגעהאַלטן לויט די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע, דאַן קען דאָס באַהאַנדלט ווערן דורך אַ פעדעראַלע געריכט, און ס'קען אָנקומען זאָגאַר ביז'ן פעדעראַלן סופרים געריכט, וואָס טוט געווענליך נישט דן זיין נאר פעדעראַלע קאָנסטיטוציאָנעלע טעמעס.

אין קלאָרערע ווערטער: נישט די סענאַט, נישט די קאָנגרעס און ניטאַמאָל דער פרעזידענט, קענען זיך אַריינמישן אין די טעמעס פון אַ סטעיט. די איינציגסטע מהלך צו אָפשטעלן די סטעיט, אויב זיי פירן דורך אַ געזעץ וואָס איז קעגנזאַץ צו דער קאָנסטיטוציע, איז דורכדעם וואָס מען קלאָגט זיי אָן אין דער פעדעראַלער געריכט, וואָס קען אורטיילן קעגן אַ סטעיט גאָווערמענט.

## די עדיוקעישן פאַרפליכטונג איז אַ סטעיט פאַרלאַנג

די עדיוקעישן פארפליכטונג איז פון די זאכן וואָס באַלאַנגט אויסשליסליך אונטער די מאַכט פון דער סטעיט, און די פעדעראַלע רעגירונג האָט נישט קיין שום ווארט דערויף.

די איינציגע וועג וויאַזוי מ'קען יאָ צוימען די עדיוקעישן דעפאַרטמענט איז דורך זיי אָנקלאָגן אין דער פעדעראַלער סופרים געריכט.

אין לויף פון די יאָרן איז שוין טאַקע פאָרגעקומען עטליכע קעיסעס וואו די פעדעראַלע געריכט האָט גע'פסק'נט קעגן די עדיוקעישן דעפאַרטמענטס פון די סטעיטס, נאָכדעם וואָס ס'איז אָנגעקומען צו זיי די פראַגע (ווי עס וועט ציטירט ווערן מיט די דעטאַלן אין די קומענדיגע אַרטיקלן).

## שתרחמינו עוד בגלותי; די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע באַשיצט רעליגיע

רעדנדיג איבער דעם עדיוקעישן געזעץ און די פעדעראלע געריכט, איז כדאי צו באַטאָנען דער חסד ה', אַז טראָצדעם וואָס מ'דאַרף געוויס אַסאַך רחמי שמים אויך דאָ אין דער 'פרייער לאַנד' פון די שונאי הדת וואָס קענען אונז מאַכן אַסאַך שוועריגקייטן, אָבער פאָרט קען געזאָגט ווערן אין אַ געוויסן זין אַז דער אידישער חינוך איז דאָ ב"ה שטאַרק באַשיצט דורך די קאָנסטיטוציע וואָס באַשטימט אַז יעדער מענטש האָט די פולע פרייהייט צו פראַקטיצירן זיין רעליגיע.

אַדאַנק די קאָנסטיטוציע איז די רעגירונג באַגרעניצט פון אַריינרוקן אין דעם עדיוקעישן געזעץ אַזעלכע זאַכן וואָס זענען קעגן אונזער אמונה און רעליגיע. וואָס דאָס איז אַ געוואַלדיגע טובה און הצלה, ווי אויסגעשמועסט שפעטער.

# פרק ג: וואָס פאַרלאַנגט דאָס געזעץ?!

די אַלע אויבנדערמאַנטע פאַקטן זענען אייגנטליך בלויז געווען אן 'הקדמה' צו פאַרשטיין דעם 'עדיוקעישן געזעץ', פון וואָס מען רעדט אַזויפיל אין דער לעצטער תקופה. לאָמיר אַלזאָ איבערגיין די פרטים פון דעם געזעץ, צו פאַרשטיין וואָס דאָס טוט אַנטהאַלטן.

ווי ערוועהנט, איז דאָס געזעץ פאַקטיש די וויכטיגסטע יסוד ווען עס קומט אויף למעשה. ווייל נישט דער גאָווערנאָר מיט זיינע אַגענטורן, נישט די סטעיט באַאַמטע רעגולאַציעס און גיידליינס, און נישט דאָס געריכט, קענען מוסיף זיין איין ווארט צום געזעץ, דעריבער איז וויכטיג צו פאַרשטיין 'במה הדברים אמורים'.

ווען דאָס געזעץ איז געשריבן געוואָרן מיט 130 יאָר צוריק האָט דאָס אַנטהאַלטן עטליכע הונדערט אָפטיילונגען. היינט צוטאָגס אַנטהאַלט שוין דאָס געזעץ עטליכע טויזנט סעיפים, וואָס נעמט אַריין אַלע טעמעס פון דעם עדיוקעישן דעפאַרטמענט, די סקול דיסטריקטס און נאָך פילע טעמעס.

אָבער אין אַלגעמיין איז פאַרהאַן צוויי צענטראַלע יסודות פון דעם געזעץ, וואָס איז נוגע פאר די עלעמענטרי שולע יאָרגאַנג. דאָס איז:
1) דאָס התחייבות וואָס עלטערן האָבן פאַר זייער קינד. 2) דאָס התחייבות וואָס די סטעיט האָט פאַר יעדעס קינד אין דער שטאָט.

## די ערשטע יסוד; דאָס התחייבות פון עלטערן צו זייער קינד

דאָס געזעץ פאַרלאַנגט אַז יעדע טאַטע מאַמע וואָס האָבן אַ קינד אין דעם יאָרגאַנג פון 'עלעמענטרי שולע', פאַרמאָגט אַ געזעצליכע התחייבות וואָס זיי מוזן נאָכקומען לעגאַל.

די התחייבות איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים; צוערשט דאַרפן די עלטערן פאַרזיכערן אז זייער קינד גייט אין סקול במשך אַ באַשטימטע צאָל שעות און טעג פונעם יאָר, און באַזונדער דאַרפן זיי זיכער מאַכן אַז דאָס קינד לערנט און באַזיצט אַ געוויסע צאָל לימודים, (ווי שפעטער אויסגעשמועסט).

## די שטראָף פאַר'ן פאַרלעצן דאָס געזעץ

(ii) For purposes of considering substantial equivalence pursuant to this subdivision for nonpublic elementary and middle schools that are: (1) non-profit corporations, (2) have a bi-lingual program, and (3) have an educational program that extends from no later than nine a.m. until no earlier than four p.m. for grades one through three, and no earlier than five thirty p.m. for grades four through eight, on the majority of weekdays, the department shall consider the following, but not limited to: if the curriculum provides academically rigorous instruction that develops critical thinking skills in the school's students, taking into account the entirety of the curriculum, over the course of elementary and middle school, including instruction in English that will prepare pupils to read fiction and nonfiction text for information and to use that information to construct written essays that state a point of view or support an argument; instruction in mathematics that will prepare pupils to solve real world problems using both number sense and fluency with mathematical functions and operations; instruction in history by being able to interpret and analyze primary text to identify and explore important events in history, to construct written arguments using the supporting information they get from primary source material, demonstrate an understating of the role of geography and economics in the actions of world civilizations, and an understanding of civics and the responsibilities of citizens in world communities; and instruction in science by learning how to gather, analyze and interpret observable

די 2018 אַמענדמענט טוט קלארשטעלן דעטאלן בנוגע די 'סאַבדזשעקטס' וואס די רעגירונג פארלאנגט

### דאקומענט #18



State Lawyer:

If they want to try to achieve secular educational goals through religious means, as was offering in their papers, if they achieve the goals and the requirements of the compulsory education law, they are free to do so.

אין אידיש

אויב ווילן זיי דעגרייכן די לימודי חול מיט די תורה'דיגע לימודים, אזוי ווי זיי האבן אנגעוויזן אין זייערע צעטעלעך, אויב דעגרייכט מען די צילן און ס'אויסגעהאלטן לויט די פרטים פון די געזעץ, זענען זיי בארעכטיגט דאס צו טוען

Judge:

Does it impact what language has to be taught?

אין אידיש

ס'מאכט אויס אויף וועלכע שפראך מ'לערנט די לימודים?

State Lawyer:

The regulations does not, the compulsory education law does
again, the compulsory education law which dictates the language of instructions

אין אידיש

נישט די רעגאלאציעס טיילט איין אויף וועלכע שפראך, נאר די געזעץ אליין
און אין די געזעץ איז וואס טיילט אן אויף וועלכע שפראך ס'מוז ווערן געלערנט

סטעיט לויער קלאָר באַשטעטיגט אין געריכט, אַז מען וואָלט געקענט נאָכקומען די אַלע סאבדזשעקסט, מיט לימודי קודש

## דעם רבי'נס פאַרלאַנג צו צענזורירן די פובליק סקול ביכער

דערפאַר האָט טאַקע רבינו הק' מסאַטמאַר זי"ע פאַרלאַנגט אַז מ'זאָל צענזורירן אַלע ביכער פון דעם פובליק סקול וואָס מ'האָט געלערנט אין די מוסדות הק'. וויבאלד מ'האָט שוין דעמאָלט געלערנט טרייפה'נע לימודים אין די פובליק סקולס, ווי דער רבי דערמאָנט דאָס אין די דברות קודש וישלח תשכ"ו, און גלייכצייטיג איז דאָס געזעץ פון 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענסי' שוין לאַנג געווען אַקטיוו, און דער רבי באַטאָנט טאַקע אַז דאָס איז הונדערט פראָצענט אויסגעהאַלטן.

ווי ערקלערט איז דאָס טאַקע אַ דבר פשוט אַז ס'איז לעגאַל און געזעצליך צו לערנען אין אייגענע ביכער מיט אַן אייגענעם קורוקילום, ווייל די רעגירונג פאַרלאַנגט בלויז אַז מ'זאָל נאָכקומען די 'רעזולטאַטן' און זיי פאַרלאַנגען נישט אַז מ'זאָל לערנען דייקא זייערע ביכער אָדער זייערע לימודים!

# פרק ה: טוט דאס געזעץ פאַרפליכטן צו לערנען לימודים קעגן רעליגיע?

נאָכמער; אין צוגאָב צו דעם אויבנדערמאַנטן כלל, אַז דאָס געזעץ פון 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענט' איז בכלל נישט רעלעוואַנט אויף דעם אופן 'וויאַזוי' צו לערנען, זעט מען אין דעם געזעץ עטליכע מאָל, אַז אויב קומט יאָ אונטער אַ געוויסע סאָרט לימוד וואָס די רעזולטאַטן פון דעם לימוד איז אַ סתירה מיט רעליגיע - זאָגט דאָס געזעץ - אַז די לימודים איז בלויז פאַר די פובליק סקולס וואָס זענען פריי פון רעליגיע.

אבער די פריוואַטע סקולס און אודאי די רעליגיעזע סקולס זענען נישט פאַרפליכטעט צו לערנען די לימודים!

צום ביישפיל; ס'איז געוויסע 'העלטה' טעמעס וואָס קען זיך גרעניצן מיט אומאויסגעהאַלטענע זאַכן, שטייט אַרויס אין דאָס געזעץ אַז אין אַ רעליגיעזע סקול קען מען לערנען נאָר וויפיל ס'איז נישט קעגן רעליגיע.

**זעהט דאָקומענט #19**

נאָך אַ ביישפיל: אין דעם 'סעקשאָן' וואו דאָס געזעץ באַטאָנט דאָס חשיבות פון מחשיב זיין אַלעמען, איז דאָ צוויי באַזונדערע סעיפים, איינס פאַר די פובליק סקול, וואו עס ווערט אויסגערעכנט זאַכן וואָס טויגן נישט, און דאַן איז פאַראַן אַ באַזונדערע סעיף פאַר די רעליגיעזע סקולס, וואו עס שטייט נאָר דברים המותרים.

**זעהט דאָקומענט #20**

דאָס זעלבע איז ביי דעם אָפּטיילונג וואו דאָס געזעץ רעדט איבער דעם פליכט צו נישט דיסקרימינירן קיין שום סטודענט, שטייט קלאָר אַרויסגעשריבן אַז דאָס איז נישט נוגע פאַר רעליגיעזע סקולס!

**זעהט דאָקומענט #21**

■■■

## תמצית היוצא פון די ביז יעצטיגע פאַקטן

פון די אויבנדערמאַנטע מציאות הדברים זעהן מיר זייער דייטליך די פאָלגנדע צוויי וויכטיגע נקודות:

**איינס; אַז די אָפּטייטש פון זיין 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענט' מיט די פובליק סקול, מיינט דירעקט נישט אַז מ'זאָל חלילה דאַרפן לערנען די זעלבע לימודים אויפ'ן זעלבן אופן ווי אין פובליק סקול. מ'קען געזעצליך און לעגאַל אַרויסשניידן יעדע מינדסטע שפיר פון כפירה אָדער תועבה און נאָך אלס זיין הונדערט פראָצענט אויסגעהאַלטן לויט'ן געזעץ, ווילאַנג מ'לערנט די סאַבדזשעקטס, אפילו ווען מ'לערנט דאָס אויף אַ העכסט אויסגעהאַלטענעם אופן, מיט אמונה און ערליכקייט!**

**צוויי; אַז אויב איז יאָ דאָ אַ פאַל וואו דער לימוד איז אַ סתירה צו רעליגיע, זאָגט דאָס געזעץ אומצווייידייטיג אַז מען דאַרף דאָס בכלל נישט לערנען, בלויז אין פובליק סקול און נישט אין קיין פריוואַטע סקולס! ווייל די סטעיט האָט נישט קיין רעכט צו הייסן לערנען אַזעלכע זאַכן וואָס זענען קעגן רעליגיע.**

### דאקומענט #19


5. Subject to rules and regulations of the board of regents, a pupil may, consistent with the requirements of public education and public health, be excused from such study of health and hygiene as conflicts with the religion of his parents or guardian. Such conflict must be certified by a proper representative of their religion as defined by section two of the religious corporations law.

געוויסע 'העלטה' טעמעס וואָס קען זיך גרעניצן מיט אומאויסגעהאַלטענע זאַכן, שטייט אַרויס אין דאָס געזעץ אַז אַ רעליגיעזע סקול מוז דאס נישט לערנען

### דאקומענט #20


SECTION 801-A

Instruction in civility, citizenship and character education

Education (EDN) CHAPTER 16, TITLE 1, ARTICLE 17

§ 801-a. Instruction in civility, citizenship and character education. The regents shall ensure that the course of instruction in grades kindergarten through twelve includes a component on civility, citizenship and character education. Such component shall instruct students on the principles of honesty, tolerance, personal responsibility, respect for others, with an emphasis on discouraging

§ 801. Courses of instruction in patriotism and citizenship and in certain historic documents. 1. In order to promote a spirit of patriotic and civic service and obligation and to foster in the children of the state moral and intellectual qualities which are essential in preparing to meet the obligations of citizenship in peace or in war, the regents of The University of the State of New York shall prescribe courses of instruction in patriotism, citizenship, civic education and values, our shared history of diversity, the role of religious tolerance in this country, and human rights issues, with particular attention to the study of the inhumanity of genocide, slavery (including the freedom trail and underground railroad), the Holocaust, and the mass starvation in Ireland from 1845 to 1850, to be maintained and followed in all the schools of the state. The boards of education and trustees of the several cities and school districts of the state shall require instruction to be given in such courses, by the teachers employed in the schools therein. All pupils attending such schools, over the age of eight years, shall attend upon such instruction.

Similar courses of instruction shall be prescribed and maintained in private schools in the state, and all pupils in such schools over eight years of age shall attend upon such courses. If such courses are not so established and maintained in a private school, attendance upon instruction in such school shall not be deemed substantially equivalent to instruction given to pupils of like age in the public schools of the city or district in which such pupils reside.

2. The regents shall prescribe courses of instruction in the history, meaning, significance and effect of the provisions of the constitution of the United States, the amendments thereto, the declaration of independence, the constitution of the state of New York and the amendments thereto, to be maintained and followed in all of the schools of the state. The boards of education and trustees of the several cities and school districts of the state shall require instruction to be given in such courses, by the teachers employed in the schools therein. All pupils attending such schools, in the eighth and higher grades, shall attend upon such instruction.

די לימוד פון מחשיב זיין אַלעמען, איז דאָ צוויי באַזונדערע סעיפים

### דאקומענט #21


SECTION 17

Application

Education (EDN) CHAPTER 16, TITLE 1, ARTICLE 2

§ 17. Application. Nothing in this article shall:

1. Apply to private, religious or denominational educational institutions; or

די פליכט נישט צו דיסקרימינירן קיין שום סטודענט, שטייט קלאָר אַרויסגעשריבן אַז דאָס איז נישט נוגע פאַר רעליגיעזע סקולס

אין די קומענדיגע קאַפּיטלען וועט אויפגעוויקלט ווערן אינטערעסאַנטע ציטאַטן פון געריכטליכע באַשלוסן אין לויף פון די יאָרן, וואו ס'איז קלאר געשטעלט געוואָרן אָט דער יסוד, אַז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס די רעגירונג קען בכלל אַרויפצווינגען און אינפאָרסירן עדיוקעישן אויף אַ קינד איז וויבאַלד ס'איז וויכטיג פאַר די געזעלשאַפט און פאר דאָס לאַנד, אָבער טאַקע דערפאַר קענען זיי נישט פאַרלאַנגען גאָרנישט מער ווי די 'בעיסיק' סאבדזשעקטס, און אודאי קענען זיי נישט אַריינרעדן אין רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן, אויף קיין שום פאַל.

## איז דאָס געזעץ געטוישט געוואָרן די לעצטיגע יאָרן?

ווי ערווענט איז די יעצטיגע געזעץ געבליבן דאָס זעלבע אַזוויי אין יאָר תשי"ח. זינט דעמאָלט, ביז'ן היינטיגן טאָג, איז נישט צוגעקומען קיין שום פרישע לימודים אָדער סאבדזשעקטס.

אויך די צוגעלייגטע סעיף פון יאָר 2018 למספרם האָט נישט געטוישט די באַדייט פון 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענט', נאר בלויז אויסגעשמועסט דעטאַלן אַרום די סאבדזשעקטס וואָס יעדעס קינד דארף דערגרייכן. עס האָט האָט אויך צוגעלייגט אַז די סטעיט מוז פאַרזיכערן אַז די סקולס קומען טאַקע נאָך דאָס געזעץ.

## איז דאס געזעץ גילטיג בלויז אויב מ'נעמט פאנדינג פון דער רעגירונג?

אין דעם געזעץ ווערט נישט דערמאַנט אפילו דאָס מינדסטע רמז אַז דאָס האָט סיי וועלכע שייכות צי די סקול נעמט יאָ אָדער נישט רעגירונג געלטער. ווי דערמאַנט איז דאָס אַ געזעץ וואָס פאַרפליכט די 'עלטערן' און אַזוי אויך שטייען די עלטערן אויס האַרבע שטראָפן חלילה, אויב מען פאַרלעצט דאָס געזעץ.

פאַקטיש האָבן פריוואַטע סקולס אין ניו יאָרק סטעיט אָנגעהויבן באַקומען רעגירונג שטיצע אַסאַך יאָרן נאָכדעם וואָס דאָס געזעץ איז שוין געווען אין קראַפט. במשך די אַלע יאָרן וואָס סקולס האָבן נישט באַקומען קיין פאנדינג איז דאָס געזעץ פונקט אַזוי שטרענג אינפאָרסירט געוואָרן.

## קען זיך דאָס געזעץ טוישן מיט אַ פאַרלאַנג צו לערנען זאַכן קעגן רעליגיע ח"ו?

בעצם קענען די געזעץ געבער פון דער סטעיט באַשטימען סיי וועלכע געזעץ זיי ווילן, אָבער ווי דערמאַנט - און ווי עס וועט נאָך ברייטער אויסגעשמועסט ווערן אין די נאָכפאָלגענדע אַרטיקלען - האָט די אַמעריקאַנער געריכט שוין צענדליגער מאָל קלאָרגעשטעלט אַז די "קאָמפּאלסערי עדיוקעישן", וואָס פאַרלאַנגט צו געבן די לימודי חול פאר די קינדער, טאָר נישט זיין קיין לימודים קעגן רעליגיע, ווייל די תכלית איז בלויז די תועלת פון די מענטשהייט אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

ס'איז פאַרשטענדליך אַז די סטעיט באַאַמטע ווייסן דערפון און וועלן אַלעמאָל אַכט געבן בשעת זיי באַשטימען פרישע געזעצן, וואוסענדיג אַז מ'קען דערויף קלאָגן אין געריכט.

געוויס דארף באַטאָנט ווערן אַז אויב ח"ו וועט יאָ פאַסירן אַזאַ סאָרט מציאות, אַז דאָס געזעץ וועט זיך טוישן מיט די מינדסטע אַפעקט קעגן אונזער הייליגע אמונה און תורה הק', וועט מען דאָס באַלד אודאי אַריינטראָגן אין די געריכטן, וואו בדרך הטבע קען מען דאָס בעז"ה באַקעמפן לויט די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע.

# פרק ו: די רעגירונג אינפארסירונג און זייערע 'גיידליינס'

נאָכ'ן פאַרשטיין די לעגאַלע און טעכנישע דעטאַלן אַרום דאָס געזעץ, וויפיל די רעגירונג קען מחייב זיין און וויפיל דאָס געריכט קען דן זיין דערוועגן, לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, וויאַזוי די ניו יאָרק סטעיט גאָווערמענט האָט ווירקליך באַהאַנדלט און אינפאָרסירט דאָס געזעץ אין לויף פון דער היסטאָריע.

**איז עדיוקעישן געזעץ בכלל, און 'סאבסטענשעל עקוויוועלענסי' בפרט, אינפאָרסירט געוואָרן במשך די יאָרן, אָדער איז דאָס לעצטנס אַרויסגענומען געוואָרן פון די שטויביגע רעגירונג קעלערן?**

געוויס נישט. דאָס געזעץ איז אַקטיוו אינפאָרסירט געוואָרן מיט אַ שטרענגע האַנט, דורכאויס די לעצטע אַריבער הונדערט יאָר, איבער גאַנץ אַמעריקע, און איבערהויפּט דאָ אין ניו יאָרק.

### זעהט דאקומענט #22

ס'איז אפילו געווען אַ לענגערע תקופה ווען די סטעיט גאָווערמענט האָט אויפגעהאַלטן אַן אָפּטיילונג מיט'ן נאָמען truancy agency וואס זייער אויפגאבע איז געווען צו מאכן זיכער אז יעדעס קינד גייט אין סקול! איבריג צו זאָגן אַז אַצינד, בשנת תשפ"ד, איז אויך נישטאָ גאָרנישט וואָס קען צוריקהאַלטן די רעגירונג פון דאָס טון ח"ו. אַלעמאָל ווען ס'קומט אן אַזאַ קעיס פאר דער רעגירונג זענען זיי דאָס דן מיט'ן גאַנצן האַרבקייט.

### זעהט דאקומענט #23

(אויך דאָס געריכט סיסטעם איז זייער אויסגעשפּראָכן און דייטליך ווען ס'קומט צו דער טעמע. במשך די פאַרלאָפענע הונדערט יאָר איז פאָרגעקומען צענדליגער! געריכטליכע

## דאקומענט #22

<u>Matter of Fatima A.,</u> 276 AD2d 791, 715 NYS2d 250 (2nd Dept. 2000)
**Was** ed neglect where child missed 101 out of 166 days and mother could not provide proof that she had permission to home school or that she was in fact homeschooling

<u>Matter of Donald P.,</u> 285 AD2d 510, 727 NYS2d 162 (2nd Dept. 2001)
**Was** ed neglect where twin boys had excessive unexcused absences, failed classes, mother ignored contact from school, rejected services

<u>Matter of Antonio NN.,</u> 28 AD2d 810, 812 NYS2d 176 (3rd Dept. 2006)
**Was** ed neglect where "significant unexcused absentee rate has a detrimental effect on child's education" – one child missed 30 days and was tardy 89 days in a school year, school had called mother 40 times and she had only returned 2 calls, child was failing (other neglect issues as well)

<u>Matter of Ashley X.,</u> 50 AD3d 1194, 854 NYS2d 794 (3rd Dept. 2008)
**Was** ed neglect where child missed 28 of 82 days of first half of second grade – 25 days without any excuse being provided, no medical report, no records of home schooling, child was behind in several subjects which could be improved with more faithful attendance

<u>Matter of Cunntrel A.,</u> 70 AD3d 1308 (4th Dept. 2010)
**Was** ed neglect where two children had a significant unexcused absentee rate that had effected their education. The father provided no proof to justify their absences or to show that they were being educated elsewhere.

<u>Matter of Eric C.,</u> 79 AD3d 1037 (2nd Dept. 2010)
**Was** ed neglect where submitted and unrebutted evidence showed that the child had excessive absences from school and the mother offered no reasonable justification for those absences.

<u>Matter of Franz</u> 55 AD2d 424, 390 NYS2d 940 (3rd Dept. 1977)
**Was** ed neglect where child was not receiving the equivalent of a public school education

<u>Matter of Andrew TT</u> 122 AD362, 504 NYS2d 326 (3rd Dept. 1986)
**Was** ed neglect where parents would not cooperate with school to review program of home schooling

<u>Matter of Christa H.,</u> 127 AD2d 997, 518 NYS2d 65 (4th Dept. 1987)
Once petitioner proves child is not attending school, prima facie proof of ed neglect, up to respondent to rebut with proof that child is receiving substantially equivalent education elsewhere

<u>In Re Dyandria D.,</u> 303 AD2d 233, 757 NYS2d 12 (1st Dept. 2003)
**Was** ed neglect where child missed over a third of first grade and education had suffered, no proof child was harassed at school as mother claimed, no proof that child was properly homeschooled as mother was unable to document and was not up to date in home school plan approval (other neglect as well)

<u>Matter of Nicole A.,</u> 303 AD2d 1039, 758 NYS2d 884 (4th Dept. 2003)
**Was** ed neglect where child was not attending school at all and mother was unable to proof that child was too ill to go to school and would not cooperate with school to provide alternative education

**אביישפיל פון אריבער 10 קעיסעס, וואו די סטעיט האט ארויסגעשטעלט הארבע אנקלאגעס אין געריכט קעגן עלטערן וואס זענען באשולדיגט געווארן מיט'ן פארנאכלעסיגן דעם עדיוקעישן פון זייערע קינדער.**
(פארשטענדליך אז דאס איז בלויז א טייל פון פילצאליגע אזעלכע סארט קאורט קעיסעס).

קעיסעס דאָ אין ניו יאָרק, וואו די ריכטער האָבן באַהאַנדלט אַלע ערליי פאָרמען פון דעם עדיוקעישן געזעץ, און אין אַלע געריכטן, אָן קיין אויסנאַם, איז קלאָרגעשטעלט געוואָרן אַז די סטעיט האָט די פולקאָמע רעכט צו אינפאָרסירן דאָס געזעץ אויף די בירגער, און ס'איז דערביי אויך באַשטימט געוואָרן ווי שטאַרק די סטעיט קען דאָס אַרויפצווינגען).

## קען די רעגירונג מחייב זיין מער ווי דאָס געזעץ?

ווי ס'איז שוין אויסגעשמועסט געוואָרן עטליכע מאָל דורכאויס דעם מאמר איז אויך דאָ גילטיג דער יסוד אַז די 'גיידליינס' וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די רעגירונג און אירע אַגענטורן קענען למעשה נישט צולייגן גאָרנישט צום געזעץ! די גיידליינס זענען בסך הכל מהלכים וויאַזוי דאָס געזעץ דאַרף אויסגעפירט ווערן.

די רעגולאַציעס און די גיידליינס ווערן פאָרגעשטעלט דורך די אַגענטורן וועלכע אַרבעטן פאר דעם עקזעקיוטיוו פליגל פון דער סטעיט. זיי האָבן נישט קיין שום מאַכט צו באַשטימען פרישע געזעצן אָדער אפילו פרישע הוספות צו געזעצן. זיי זענען נאר באַפולמעכטיגט צו אויספירן דאָס געזעץ (דאס נעמט אריין די אלע SED documentation וכדומה וואס קומט פון די דעפארטמענט אויף עדיוקעישן).

זעהט דאקומענט #24

## קענען די לינקע אַגענדעס, וועלכע טרייבן צו טויטן די לימודים, אַפעקטירן דעם מהלך וויאַזוי די רעגירונג אינפאָרסירט די לימודים?

בהחלט נישט. ווי דערמאַנט איז די רעגירונג בלויז בעל הבית אויף די פובליק סקולס, און דאָרט קומט טאַקע פאר גרויסע באַמיאונגען דורך די לינקע עלעמענטן וועלכע קעמפן צו רעפאָרמירן די עדיוקעישן מיט גאָר לינקע און כפירה'דיגע אַנשויאונגען, און עס געלונגט זיי ליידער.

אָבער דאָס איז בכלל גאָרנישט רעלעוואַנט ווען עס קומט צו די פריוואַטע סקולס וואו די רעגירונג איז נישט בעל הבית. זיי קענען בלויז אינפאָרסירן וויפיל דאָס געזעץ פאַרלאַנגט, און דאָס געזעץ איז דאך זייער קלאָר אַז מען איז נישט פאַרפליכטעט צו לערנען לימודים קעגן רעליגיע.

## וואס איז דאס 'סטענדערדס'?

די 'סטענדערטס' באַדייט אַז די רעגירונג פרעזענטירט אַ געוויסע סטאַנדאַרט לימוד, מיט ביכער אויף דעם מהלך, וואָס זיי באַשטימען אַז דאָס זאָל מען לערנען אין די פובליק סקולס.

אָבער ווי ערוועהנט קען נישט די רעגירונג, און נישט זייערע אַגענטורן, גאָרנישט מחייב זיין. מ'דאַרף אַלעמאָל קוקן וואָס דאָס געזעץ פאַרלאַנגט און וואָס דאָס געזעץ זאָגט לגבי די ביכער. אַלזאָ, דאָס געזעץ באַשטימט אַז די ביכער וואו מ'לערנט די 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענט' לימודים דאַרף זיין געשריבן אויף ענגליש און איבערגעגעבן דורך ערפאַרענע טיטשערס, אָבער די רעגירונג האָט נישט קיין שום רעכט צו איינטיילן וועלכע סאָרט ביך אָדער מהלך מ'זאָל לערנען. און אפילו מען נוצט יאָ זייערע ביכער איז מען הונדערט פראָצענט ערלויבט צו אויסמעקן זאַכן וואָס שטימען נישט מיט אונזער מסורה און אמונה.

דאָס באַדייט אין קלאָרע ווערטער אַז די אַלע 'סטענדערטס' און ביכער וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן, זענען געאייגנט בלויז פאר די פובליק סקולס, וואָס איז פולשטענדיג אונטער זייער קאָנטראָל, אָבער אין אַ פריוואַטע סקול וואָס נעמט ביכער פון די פובליק סקול קען מען אַרויסנעמען אַלע דברים האסורים און איבערלאָזן בלויז דעם לימוד, אַזוי ווי רביה"ק זי"ע האָט טאַקע געטון הלכה למעשה אין זיינע מוסדות הק'.

(צום באַמערקן: די סטעיט רעגולאַציעס זענען צעטיילט צווישן 100 CRR - וואָס דאָס איז די רעגולאַציעס פאר די פובליק סקולס, און צווישן די 130 CRR - וואָס איז רעגולאַציעס פאר פריוואַטע סקולס וועלכע דאַרפן נאָכקומען די 'סאָבסטענשעל עקוויוועלענט' סאבדזשעקטס.

אין די 130 CRR רעגולאַציעס

### דאקומענט #23





מרת גערטנער ע"ה שילדערט זכרונות אין דעם ביכל "ערשטע פלאמען אויף די אמעריקאנער אייז", וויאזוי זי האט געמוזט גיין אין דעם ניו יארק פובליק סקול ווייל אז נישט וואלט די רעגירונג ארעסטירט די עלטערן ה"י. און אז נאכדעם וואס זי איז א כלה געווארן און אויפגעהערט גיין אין סקול, איז אן אפיציר פון די 'טרועננסי אפטיילונג' געקומען זיך נאכפרעגן פארוואס זי קומט מער נישט אין סקול.

### דאקומענט #24



INDEX NO. 907655-22
NYSCEF DOC. NO. 169 RECEIVED NYSCEF: 03/23/2023

pathways to substantial equivalency available to other schools. Moreover, as previously noted in this decision, the compulsory educational standards and substantial equivalency review requirements at issue are not derived from the New Regulations but from the Education Law itself, which petitioners do not challenge. Insofar as the disputed requirements of the New Regulations merely reiterate statutory requirements that have not been challenged, the Court declines to disturb them.

However, the Court reaches a different conclusion with regard to petitioners' assertion that the New Regulations are arbitrary and irrational because they allow LSAs to require the closure of any educational institution that fails to meet the applicable substantial equivalency requirements. Under the separation of powers doctrine, the role of the Legislature is to make critical policy decisions through the enactment of an enabling statute, while the role of the executive branch is to implement those policies through agency rulemaking (see, Leadingage New York, Inc. v Shah, 153 AD3d 10, 16 [2017], aff'd 32 NY3d 249 [2018]; Greater NY Taxi Assn. v New York City Taxi & Limousine Commn., 25 NY3d 600, 609 [2015]). While agencies are permitted to adopt regulations that expand upon the precise text of the enabling legislation, the regulations must remain consistent with the authority conferred by the statute, the statutory language itself, and the underlying purpose of the legislation (see, Matter of General Elec. Capital Corp. v. New York State Div. of Tax Appeals, Tax Appeals Trib., 2 NY3d 249, 254 [2004]). Any portion of an agency rule or regulation that exceeds the power conferred by the Legislature is deemed to be impermissible legislative policymaking and must be struck down (see, Boreali v Axelrod, 71 NY2d 1, 12–14 [1987]).

The Court finds that certain portions of the New Regulations impose consequences and penalties upon yeshivas above and beyond that authorized by the Compulsory Education Law, the enabling legislation herein. The purpose of the Compulsory Education Law is to ensure that

16

16 of 21

ריכטערין ריבא שטרייכט אונטער אינמיטן איר פסק אז די גיידליינס קענען גארנישט צולייגן צום געזעץ!

ווערן טאַקע אויסגערעכנט בלויז די לימודים וואס איז נוגע פאר די פריוואַטע סקולס, און עס ווערט דאָרט נישט דערמאַנט די פובליק סקול לימודים).

פאָרט איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספר 'כולל ענינים' אַז דעם רבי'נס רצון איז געווען אַז מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו די פובליק סקול ביכער, נאָר ער האָט זיך אויסגעדרוקט אַז הלואי וועט ער קען אַליין מאַכן די ענגלישע ביכער, וואו מ'זאָל לערנען בלויז די עצם לימוד פון די סאבדזשעקטס, וואָס דאָס איז די איינציגסטע זאַך וואָס די רעגירונג איז מחייב, אַז יעדעס קינד זאָל זיין באַהאַווענט מיט די פאַרלאַנגטע טעמעס.

# פרק ז: לסיומא דמילתא; עת צרה הוא ליעקב

ווי באַטאָנט אין אָנהויב פון דעם מאמר, אַז כדאי צו פאַרשטיין די גזירה וואָס האָט באַטראָפן דעם ערליכן חינוך, איז צוערשט וויכטיג זיך צו באַקענען מיט די פאַקטן פון די ניו יאָרק עדיוקעישן געזעצן און די אינפאָרסירונג דורך די רעגירונג.

אין די יעצטיגע סעריע פון מאמרים האפן מיר דעריבער ווייטער צו פאָרזעצן על הסדר, מיט א קראַנטע איבערבליק וויאַזוי די מוסדות התורה אין ניו יאָרק האָבן פונקציאָנירט די פאַרלאָפענע אַכציג יאָר, וואָס האָט פאַסירט אין די לעצטע תקופה, און וואָס איז די מיסיע און פעולות פון די שליחי היהדות החרדית להגן על חינוך הטהור.

פאָרט איז 'פטור בלא כלום אי אפשר', צו אָנרירן אַצינד כאָטש אויפ'ן שפיץ גאָפל, די געוואַלדיגע זאָרג און ציטער איבער די אַנטוויקלונגען וואָס זענען אנטשטאנען אין די לעצטע יאָרן, ווען אנשים מרשיעי ברית האָבן ליידער באַוויזן מיט מלשינות און מסירות צו אויפוועקן די רעגירונג, דורך אָנצייגן אָנגעבליכע לעכער אין דעם לימודי חול סיסטעם פון די חרדי'שע מוסדות התורה.

דאָס האָט ליידער גורם געווען אַז די רעגירונג זאל אָנהויבן מער פאָקוסירן און אינפאָרסירן די עדיוקעישן געזעץ. איבערהויפט נאָכדעם וואָס אין יאָר '18 למספרם האָבן די ניו יאָרקער געזעץ געבער צוגעלייגט אַ סעיף, אַדאַנק די דרוק פון די מלשינים, אַז די רעגירונג מוז בעסער נאָכקוקן די פריוואַטע סקולס. דאַן האָט די רעגירונג אויך באַשטעטיגט די נייע גיידליינס וואָס פאַרלאַנגט אַ שטרענגערע איבערזיכט אויף די לימודי חול.

ס'איז אפילו איבריג צו זאגן און ס'איז א דבר פשוט, אַז אפילו אַצינד, ווען דאָס געזעץ פאַרלאַנגט ב"ה נישט צו לערנען קיין שום דברים האסורים אין די לימודים, איז אָבער די סאָרט מציאות פון די לעצטע יאָרן, ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן זיך פאַראינטערעסירן און האלטן אן אפענע אויג אויף די חרדי'שע בתי חינוך, אַ שרעקליכע גזירה, וואָס מ'דאַרף אָנווענדן אַלע ערליי סאָרט שתדלנות דאָס צו אָפשטעלן בעז"ה.

צום אַלעם ערשטן איז די עצם זאַך - אַז מ'דאַרף לערנען סיי וועלכע לימודי חול מיט די קינדער - אַ גזירה, וואָס רבותינו הק' האָבן מסכים געווען דערצו בלית ברירה וויבאַלד מיר זענען ליידער אין גלות אונטער די רעגירונג, ווי הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע שרייבט אז די אומות העולם וועלן אָפגעבן דין וחשבון פאַר'ן גורם זיין אז אונזערע קינדער זאלן דארפן לערנען די לימודי חול, און דעריבער דאַרף מען טון כל מה שביכלתינו אַז מען זאָל דאָס מינימיזירן אויף וויפיל ס'איז שייך.

אויסערדעם, בלויז אַ חשש אַז די רעגירונג זאל אָנהויבן אַריינקריכן אין אונזערע מוסדות און נאָכקוקן מיט פאַרלאַנגען אַז מ'זאָל דאַרפן אויפווייזן אַז מ'קומט נאָך דאָס געזעץ, דאָס אַליין איז אַ גזירה נוראה, וואָס מ'דאַרף דאָס פאַרמיידן אויף יעדן סאָרט אופן.

- סיי ווייל יעדער פארשטייט - אפילו אין פריוואטע ענינים - אז ווען די רעגירונג קוקט איינעם נאך מיט שטארקע אויגן איז זייער שווער זיך אַרויסצודרייען.

משל למה הדבר דומה: יעדע אידישע טאַטע מאַמע געבן ב"ה גוט אַכטונג אויף זייערע קינדער, אָבער אויב ח"ו די 'טשיילד פראטעקטיוו סערוויסעס' זעצן זיך אַריין ביי איינעם אין שטוב, איז דאך עס אַ צרה גדולה וואָס מען וויל פאַרמיידן פאר יעדן פרייז, טראָצדעם וואָס מען ווייסט אַז די קינדער ווערן באַגלייט און געפלעגט, אָבער ווען די אינסטאַנצן זעצן זיך אַרויף און קוקן נאָך מיט זיבן אויגן דאַן קען דערפון צופיל גוטס נישט אַרויסקומען.

- סיי ווייל אין דעם געזעץ אַליין איז דאָ געוויסע פאַראַגראַפן וואָס זענען נישט גענוג קלאָר אַרויסגעשריבן און אויב די רעגירונג איז אויסן צו גיין בכל חומר הדין קענען זיי אפלערנען זאכן אויף אַן עקסטרעמען חומרא'דיגן וועג וואָס קען אַסאַך שעדיגן חלילה.

- אויסערדעם איז פאַרהאַן זאַכן וואָס השתיקה יפה להם, און ס'איז מובן מאליו אַז אויב די רעגירונג זאל פאָקוסירן צו נאָכקוקן יעדע דעטאַל איז דאָס נישט קיין טובה, וד"ל.

טאַקע צוליב די אַלע סיבות, האָבן די ערליכע מנהיגי המוסדות אינאיינעם מיט די שתדלני כלל ישראל פאָרמירט אַ פאַראייניגטן פראָנט וואו עס ווערט גענוצט יעדע סאָרט השתדלות, ובתחבולות תעשה לך מלחמה, צו פאַרזיכערן אַז די רעגירונג זאל אַראָפטרעטן פון זייער איינפלוס אויף די לימודי חול אין די מוסדות. מען האָט זיך שוין געלאָזט קאָסטן מיליאָנען דאָלאַרן צו אָפשטעלן די גזירה, דורך געריכטליכע אָנקלאַגעס און דורך לעגאַלע שריט צו טרעפן יעדן סאָרט לאך און מהלך אַז מ'זאָל קענען מבטל זיין די 'גיידליינס' גענצליך, אָדער לכה"פ דאָס גרינגער מאַכן בעז"ה.

אַדאַנק אָט די אַלע פעולות האָט מען ב"ה באַוויזן צו אָפשטופן די גזירה אויף פאַרשידענע ריכטונגען, אויסערדעם וואָס ס'איז ב"ה געלונגען צו צווינגען די רעגירונג צו אַראָפטרעטן פון עטליכע רעגולאַציעס, ווי עס וועט ברייט געשילדערט ווערן בעז"ה, די דרכי השתדלות בדרך התורה וואָס איז געטון געוואָרן בעבר ובהוה, און די ווייטערדיגע שריט וואָס זעצט פאָר אויפ'ן געזעצליכן און געריכטליכן פראָנט.

## לדורון ולתפלה ולמלחמה

זאל ביי דער געלעגנהייט אויך דערמאַנט ווערן די קלאָרע הכרעה און פסק פון די עיני הדעה, גדולי הרבנים ומנהיגי הקהלות שליט"א, אַז אויב ח"ו דאָס געזעץ וועט זיך טוישן און די רעגירונג וועט יאָ אָנהויבן פאַרלאַנגען סיי וועלכע מינדסטע זאַך וואָס גרעניצט זיך מיט אַ משהו נגד האמונה אָדער נגד תורתינו הק' ה"י, דאַן וועט מען זיין גרייט צו באַצאָלן גאָר אַ טייערן פרייז און מ'וועט שטיין איתן כחלמיש נישט צו משנה זיין אפילו קיין זיז כל שהוא פון דעם מהלך וויאַזוי די גדולי ישראל, ובראשם רבינו הק' זי"ע, האָבן אַראָפגעשטעלט די לימודי חול בשעתם, ווען זיי האָבן מייסד געווען די מוסדות הק' על אדמת אַמעריקע.

די שתדלני הכלל און די לעגאַלע שטאַב וואָס פאַרטרעט די מוסדות הק' איז טאַקע אויך גרייט פאר אַזאַ מציאות, אַז אויב דאָס געזעץ טוישט זיך חלילה, זאָל מען באַלד קענען אונטערנעמען די מאַקסימאַלסטע לעגאַלע און געזעצליכע שלאַכטן, מיט אַלע סאָרט שתדלנות און פעולות דאָס צו באַקעמפן, און ווי דערמאַנט אַז אויב די סטעיט פאַרלאַנגט חלילה לימודים קעגן רעליגיע, דאַן איז פאַרהאַן גאָר שטאַרקע אויסזיכטן דאָס צו אָפשלאָגן אין דעם געריכט סיסטעם, צוערשט אין די סטעיט געריכטן און אַז ס'וועט זיך אויספעלן קען מען דערמיט גיין ביז די העכסטע פעדעראַלע סופרים געריכט, השי"ת זאל העלפן אַז מ'זאָל נישט דאַרפן צוקומען דערצו קיינמאָל.

# • אַ בליק אויף ווייטער •

אין די קומענדיגע קאַפּיטלן וועט געשילדערט ווערן בעז"ה

- דאָס גרינדונג פון מוסדות סאַטמאַר דורך מרן רבינו הק' זי"ע אין יאָר תש"ח לפ"ק
- די פאַרפליכטונג פון רביה"ק זי"ע פאַר'ן קאָמישאָנער אָוו ניו יאָרק סטעיט
- די געריכטליכע באַשלוסן וועלכע האָבן איבערצייגט די אומבאַגרייפליכע סייעתא דשמיא וואָס האָט באַגלייט דעם רבי'ן זי"ע וואָס עיניו הק' שפיר חזו בדעת תורתו
- די לעצטיגע אַטאַקעס און דאָס געפאַר וואָס באַדראָעט דעם חינוך הטהור פון תשב"ר אין ניו יאָרק
- די העראָאישע קאַמף וואָס ווערט געפירט על נפש הילד - בתחבולות תעשה לך מלחמה.

## • לבני אני צריך •

אין בעפארברייטונג צום קומענדיגן גליון ארבעטן מיר אצינד אויף א לענגערע היסטארישע באשרייבונג מיט א רייכע אינפארמאציע בקורות הימים איבער דעם צוגאנג וויאזוי רבינו הק' האט מייסד געווען זיינע הייליגע מוסדות בכלל, ובפרט מיט דעם אחריות'דיגן מהלך וואס מרן רבינו האט אוועק געשטעלט לשעה ולדורות צו נאכקומען דעם פארלאנג פונעם רעגירונג מיטן לערנען לימודי חול (שעות, סאבטדשעקטס, קוריקילום, צענזור, טיטשערס, א. א. וו.)

**דעריבער ווענדן מיר זיך צו תלמידי רבינו וועלכע האבן זוכה געווען צו לערנען אין די ערשטע יארן בהלו נרו על ראשינו, און פארמאגן סיי וועלכע קראנטע אינפארמאציע, זיך צו ווענדן צום מערכת צו מיטטיילן זייערע זכרונות און דערמיט ארויסהעלפן מברר זיין מקחו של צדיק פאר'ן קומענדיגן דור.**

זכותו הגדול פונעם הייליגען רבין זאל מגין זיין אז מען זאל זעהן אידיש נחת מכל יוצאי חלצינו על דרך המסורה לנו מאבותינו ורבותינו עד ביאת גואל צדק בב"א



# גזירה עבידא דבטלה

## מסורת השתדלנות מדור לדור

**אַ היסטאָרישער איבערבליק אַרום די תורה'דיגע דרכי השתדלות פון די געטרייע רועי ישראל זי"ע, אין שאָטן פון פינסטערע גזירות נגד הדת, במשך שנות גלותינו**

## - הקדמה -

דער חכם מכל האדם, שלמה המלך ע"ה, אין זיין הייליגן נצחיות'דיגן געזאַנג, שיר השירים אשר לשלמה, וואו עס ליגט באַהאַלטן די סודות און נבואות פאר כנסת ישראל אין אַלע מצבים בשנות גלותם, זאגט אונז: "**אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן וּרְעִי אֶת גְּדִיֹּתַיִךְ עַל מִשְׁכְּנוֹת הָרֹעִים**.

רש"י הק' איז מבאר דעם פסוק בלשונו הזהב: "אם לא תדעי לך להיכן תלכי לרעות צאנך... שחדל לו הרועה מלהנהיג אותם. צאי לך בעקבי הצאן - **הסתכלי בפסיעת דרך שהלכו הצאן והעקבים ניכרים** ורעי את גדיתיך על משכנות הרועים - בין משכנות שאר הרועים שאת אצלם .... **איכה תרעי ותנצלי מיד המציקים לך להיות ביניהם ולא יאבדו בניך, התבונני בדרכי אבותיך הראשונים שקבלו תורתי ושמרו משמרתי ומצותי ולכי בדרכיהם, ואף בשכר זאת תרעי גדיותיך אצל שרי האומות**".

ווען מיר וייסן נישט דעם ריכטיגן וועג צו גיין, ווען מיר זענען דערשראָקן "מיד המציקים לך", האָבן מיר איין פאַרזיכערטע גאַראַנטיע, וואָס די נבואה פון שלמה המלך לערנט אונז לדורות עולם: מיר זאָלן נאָכקוקן די פיס טריט פון די פריערדיגע מנהיגי ישראל, פון אונזערע הייליגע אבות און צדיקים, זיי זאָלן זיין אונזערע וועג ווייזער, און אין זייערע פיסטריט זאָלן מיר ווייטער שפּאַנען!

אויב סתם אזוי, אין יעדע מצב, איז די אידישע **מסורה** א פונדעמאנטאלע וועג ווייזער פאר יעדן איד, איז דאָס על אחת כמה וכמה אַקטועל און וויכטיג, שטייענדיג אין אַ תקופה ווען בייזוויליגע כוואליעס ווילן אונז פארשוועמען אין די רווישיגע וואסערן היל"ת, ווי גרויס איז אונזער פליכט נאכצוגיין די פוס טריט פון די רועי ישראל, וואָס דאָס איז אונזער איינציגע פארזיכערונג אדורך צו שווימען דעם לאנגן גלות.

לאָמיר אַלזאָ אין די קומענדיגע סעריע פון מאמרים כאַפּן אַ נענטערן בליק אַרום די הייליגע 'מסורה' במשך שנות גלותינו, וויאַזוי רבותינו הק', די חכמי ומנהיגי ישראל במשך שנות דור ודור, האָבן רעאַגירט און געהאַנדלט ווען די גוי'אישע רעגירונגען בארצות פזוריהם האָבן אַרויסגעגעבן שעדליכע גזירות קעגן די הייליגע תורה.

לאָמיר זיך באַקענען מיט די היסטאָרישע פאַקטן בקורות הדורות, און לאָמיר זען פון דער נאָנט וויאַזוי אידישע קינדער האָבן געשפּאַנט דורכאויס די גלות יאָרן אויף דעם אויסגעטרעטענעם תורה וועג צו באַקעמפן גזירות און מזימות רשע.

### דאָס אידישע מציאות אין גלות איז נאָך גרעסערע נסים פון יציאת מצרים

זינט אידישע קינדער זענען פארטריבן געווארן אין גלות ביים ערשטן בית המקדש, האט א מבול פון גזירות קשות ואכזריות פארפלייצט דאס אידישע לעבן, באגלייט מיט עינויים קשים ומרים שונים ומשונים.

קוקנדיג אויף צוריק איז אייגנטליך ממש נישט צום פארשטיין וויאזוי דאס אידישע פאלק האט איבערגעלעבט אט די אלע גזירות - "חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו" ווי די באקאנטע ווערטער וואָס דער הייליגער יעב"ץ דרוקט זיך אויס: "**חי נפשי כי בהתבונני בנפלאות אלה גדלו אצלי יותר מכל נסים ונפלאות שעשה השם יתברך במצרים ובמדבר ובארץ ישראל וכל מה שארך הגלות יותר נתאמת הנס יותר ונודע מעשה תקפו וגבורתו**". (היעב"ץ בהקדמה לספרו עמודי שמים)

### די טרויעריגע מציאות פון גזירות בכם ומכם

די גזירות זענען נישט אלעמאל געטריבן געווארן דורך די מלוכה זעלבסט. אין גאָר אַסאַך פעלער זענען זיי ליידער געקומען מפריצי עמינו, פורצי גדר, בכם ומכם, וועלכע האבן אנגעהעצט די מלכיות צו גוזר זיין גזירות אויף זייערע געוועזענע אידישע ברודער, אנגעהויבן פון די 'משומדים', שפעטער די 'קראים', דערנאך די 'שבתאים' און 'משכילים' און ביים לעצטן דור די ציוני'סטישע רשעים.

אט די אלע סעקטעס האבן נאך אפילו בעסער געוואוסט וויאזוי צו צילן צום פינטל, אבער נישט געזארגט, כלל ישראל האט דאס אויך איבערגעלעבט. סוף כל סוף האבן די רשעים נישט געהאט קיין שום שליטה. **שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם.**

### ביטל כמה גזירות; די אָנזאָג פאר גלות אידן דורך ירמי' הנביא מפי ה'

אָבער 'והוא שעמדה לאבותינו', כלל ישראל קען שטאלצירן מיט'ן אויספאלגן

די פונקטליכע אנווייזונגען וואס ירמיהו הנביא האט אנגעזאגט די אידישע קינדער ביים אנהייב פון גלות בבל, ירמיהו הנביא - נאכדעם וואס יהויכן איז פארטריבן געווארן אינאיינעם מיט די חרש והמסגר - האט עס דאן אראפגעשריבן אין א בריוו און עס אריבערגעשיקט קיין בבל, ווי ירמיהו הנביא שרייבט אינעם בריוו: "**ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה, והתפללו בעדה אל ד', כי בשלומה יהיה לכם שלום**". (ירמיהו כט ז')

## גזירות און שתדלנות - תרי רעין דלא מתפרשין

ווירקליך זענען די צוויי טערמינען פון '**גזירות**' און '**שתדלנות**' ממש ווי א צווילינג-פאר וועלכע גייען שוין געשפאנט און פארמעסטן זיך כסדר איינער קעגן צווייטן, זינט ווען אידישע קינדער זענען פארטריבן געווארן אין גלות.

דיביידע מושגים פון **שתדלנות** און **גזירות** - זענען אייגנטליך 'קינדער' און 'פירות' פונעם פאראויסגעזאגטן גלות פלאן. אין אלע דורות ווי נאר א **גזירה** איז ארויסגעקומען האבן די געטרייע **שתדלנים** גלייך גענומען א ריכטיגן צוגאנג צו מבטל זיין די גזירה.

אין דער היסטאָריע פון כלל ישראל איז פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות די נעמען פון די פילע מסירת נפש'דיגע שתדלנים וועלכע האבן מיט מסירות נפש, און בשליחות די גדולי ישראל בכל דור ודור, באוויזן צו אָפּשלאָגן - אדער עכ"פ פארמינערן - פילצאָליגע פון די גזירות, אויף ווי ווייט מעגליך.

## טרם יקראו ואני אענה

וויאזוי איז פאר די שליחים פון די מנהיגי ישראל טאַקע געלונגען צו מבטל זיין אלע גזירות? אָט דערפאַר פעלט זיך אויס צו כאפן א נענטערע בליק וויאזוי שתדלנות האט געארבעט אין אלע דורות.

פאקטיש האט זיך די ארבעט פון די שתדלנים נישט אנגעהויבן ווען די גזירה איז ארויסגעקומען מכוח אל הפועל, נאר אסאך פארדעם, בעת די קעניגן און פריצים האבן נאך געהאלטן אינמיטן אויספלאנירן זייערע גזירות, האבן שוין די כלל ישראל שתדלנים אנגעהויבן העפטיג צו ארבעטן פון הונטער - טירלעך אז די גזירה זאל בכלל נישט צושטאנד קומען. זיי האָבן געווענליך באוויזן אפצושטעלן די גזירה גלייך ביים אנהייב. און טאקע דערפאר האָבן אידישע קינדער שטענדיג ארויסגעוויזן געטריישאַפט און הכרת הטוב פאר די שתדלנים וועלכע האבן מיט ערפאלג אפגעשלאגן אלע גזירות.

פארשטייט זיך אז נישט יעדע גזירה איז געלונגען פאר די שתדלנים צו מבטל זיין אינגאנצן, צומאל איז זיי נאר געלונגען למחצה ולשליש ולרביע, און צומאל דאס אויך נישט, אבער אפילו דאן האבן די שתדלנים אנגעהאלטן זייערע קאנטאקטן מיט די קעניגליכע באמטע און פרובירט ארויס צו העלפן די אידישע קינדער מיט אלע זייערע מעגליכקייטן.

**אין די ראַמען פון דעם קאָלום וועט בעז"ה אויפגעדעקט ווערן פילצאָליגע העכסט באַלערנדע און היסטאָרישע פאַקטן באַגלייט מיט אָריגינעלע דאָקומענטן אַרום צענדליגער גזירות וועלכע האָבן באַדראָעט אידישע קינדער בארצות פזוריהם.**

**באַזונדער וועט אויפגעוויקלט ווערן "דברי הימים" איבער דעם צוגאַנג און די תחבולות וויאַזוי מנהיגי ישראל האָבן ברוחב בינתם און בדעת תורתם 'געהאַנדלט' און 'רעאַגירט' כלפי די רעגירונגען וועלכע האָט גוזר געווען די גזירות און וויאַזוי מ'האָט בפועל זיך געפירט אין ליכט פון די גזירות, וואָס היינו דאהני' לי' אַז טראָץ די שטורמישע ביטערע גזירות קשות ומרות איז ב"ה פאַרבליבן אַ כלל ישראל וואָס איז איבערגעשווימען די מים הזידונים דורך דעם עצת התורה און דורך די הנהגה פון צדיקים וחכמי דור ודור.**


· עורך הראשי ·

הר"ר יהוסף שווארטץ הי"ו

· חברי המפעל ·

הר"ר מרדכי הערש לוגער הי"ו · הר"ר אשר ענזיל שטערן הי"ו
הר"ר יצחק יחיאל הלוי יאקאבאוויטש הי"ו
הר"ר אברהם נחמן מייזעלס הי"ו · הר"ר משה אהרן שווארטץ הי"ו

**צו מיטיילן אדער באקומען אינפארמאציע**
אדער אישי הציבור וועלכע ווילן זיך אויסקלארן מיט די פאקטן קענען זיך פארבינדן
**INFO@OURMESORAH.ORG | 347.625.7272**

**מסורה**
· מסורת אבותינו בידינו ·
זאת המסורה לא תהא מוחלפת